STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07347

ROYTER TOY

Pessie Pomerantz-Honigbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל. מ. שטיין
שיקאגא

געצייכנט און אויסגעשטעלט פון טאדרעס געלער

רויטער טוי
פּעסי הערשפעלד-פּאָמעראַנץ
פאַרלאַג
ל. מ. שטיין - שיקאַגאָ

געזעצט און געדרוקט אין דער גלאבוס
דרוקעריי, שיקאגא . . . . . .
אין דעם יאר ניינצן ניין און דרייסיק
566

COPYRIGHT, 1939, BY
BESSIE HERSHFIELD POMERANTZ

"RED DEW", L. M. STEIN, PUBLISHER
CHICAGO. NINETEEN THIRTY NINE
PRINTED IN U. S. A.

אין ליכטיקן אָנדענק
פון מיינע עלטערן —
הערש הערשפעלד
חיה צימרינג־הערשפעלד

זעגלען מיינע, ווייסע

לידער מיינע, לידער,
זעגלען מיינע, ווייסע,
איבער שוואַרצע טיפֿן,
איבער ים־געפֿאַרן,
טוט איר זיך
היינט שיפֿן.

איבער אייך אין הימל —
פֿייערדיקע וואונדן,
אַרום אייך די ברעגן
ערד, מיט בלוט געצונדן,
טוט איר זיך היינט שיפֿן
איבער ים־געפֿאַרן,
איבער שוואַרצע טיפֿן.

לידער מיינע, לידער —
זעגלשיפן ווייסע,
פאַר וועמען איר זענט בליצן,
און פאַר וועמען טוי,
פאַר מיר — צער און אויפברויז
פון בלוטנדיקע טיפן,
לייוונטענע ווייסקייט,
שנייד די שוואַרצע טיפן!

לידער מיינע, לידער,
זעגלען מיינע, ווייסע,
איבער אייערע העלדזער —
ווינט־חלפים פייפן,
איבער אייער ווייסקייט —
רויטע טראָפּנס טריפן,
שניידט די שוואַרצע טיפן,
מיינע זעגלשיפן!

נאכט פארציט א שליף

רויטער טוי

קינדער מיינע, בלעטער גרינע אינם ווינט,
סאַמעט־צאַרט, און פרילינגדיק צעגרינט,
עס שניידט דער היינט מיט מעסערדיקן ווינט —
רויטער טוי פון וועלטס פרימאָרגן רינט.

נאָר ניט ציטערן און טריקענען פון קעלט,
קינדער מיינע ליכטיק אויפגעהעלט,
זיך ניט אָפּרייסן פון שטאַמען אייגענע,
און ניט וויינען אַף פאַרשטויבטע וועגן, ווי פאַרפלויגענע.

קינדער מיינע, אינם חלפדיקן ווינט,
רויטער טוי פון וועלטס פרימאָרגן רינט,
זיך ניט לאָזן אויסוואָרצלען פון מעסערדיקן ווינט,
שטאַרקער וואַקסן, ליכטיקער צעגרינט!

ניט אַף לאַנג וועט דויערן מעסערדיקער היינט,
ניט אַף לאַנג וועט לויערן בלוטדורשטיקער פיינט.
שטאַרקער קלאַמערט זיך אין דורותדיקן שטאַם,
מאָרגן וועט אַ גלי טאָן זון מיט נייעם פלאַם.

מאָרגן וועט אַ גלי טאָן זון מיט נייעם פלאַם,
וועט פאַנאַנדערבליען ברייט פאַרצווייגטער שטאַם.
זון וועט פלאַמענדיק אַ לויכט טאָן איבער וועלט,
קינדער מיינע, ניט פאַרצווייפלען, און ניט גליווערן פון קעלט.

פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער

נאַכט אַף מיין פענצטער — אַ טונקעלע קאַלב,
יונג לבנה — פאַרבלוטיקטע הערנער.

ליג איך וואַך מיט פאַרשאַרפטן געהער
און איך הער:
גרילן זעגן,
זעגן איינטאָניק,
קאָנען ניט איבערזעגן דעם פּיין אין מיר,
פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער.

נאַכט פון געבורט,
נאַכט פון בליאונג,
נאַכט פון שטערן־פּאַרזיי,
ניט קיין פרייד פון פרילינג —
עקל פון שנאה,
עקל פון בלוט.

ליג איך וואַך, איבערפילט מיט צער
אין אַ נאַכט פון בלוטיק גזר:
אַלץ בליט מיט בלוט —
דאָס גראָז, דער בוים און די נאַכט.

אַזוי פיל פּיין גאַלאָפּירט דורך מיין בלוט!
ליג איך וואַך מיט פאַרשאַרפטן געהער
און איך הער:
גרילן זעגן,
זעגן איינטאָניק —
קאָנען ניט איבערזעגן דעם פּיין אין מיר,
פּיין פון פאַרשמיסענע ברידער.

רויט גליט די ערד

איבער שטאָט, איבער דאָרף,
קרייזן שטאָלענע פייגל —
שוואַרצע צלמים.

פייערדיקן מבול שפּרייטן זיי,
רויטן געלעכטער טראָגן זיי,
רויט גליט די ערד.

איבער שטאָט, איבער דאָרף,
איבער רויטער ערד
פייקלט ווילד־בלוט,
שמחה פון טויט,
שמחה פון רויב,
ערד פאַרבליט
מיט פייערדיקן שטויב.

וואַרגט זיך וועלט
מיט רויך און פלאַם;
איבער ערד
רינט גרינער סם,
איבער ערד
רינט רויטער טוי,
נאַכט בליט רויט
און טאָג בליט גרוי.

ערד צעפּערטלט,
הימל צעלעכערט,
מענטש פאַרבליט
אין רויטן טוי.

איך און דאס גראז

נאַכט — אַ ברייטהיפּטנדיקע נעגערין, מיט צעשראָקענע אויגן,
האָט אַ טרויערדיקן ניגון אין מיר פאַרצויגן.

אַף מיין פענצטער לבנה — אַ געל, גאָלדענער אַרבוז,
וויינען שטיל אין דער נאַכט אַריין איך און דאָס גראָז.

באַ מיין פענצטער דער בוים אין יוניקער גרינקייט,
רעדט צו מיר רייד אין שטומער פאַרשעמטקייט:

„הענגט אויף מיינע צווייגן פיין פון פאַרטריבענע,
גרויל פון טאָג, שרעק פון פאַרבליבענע".

נידערט דאָס גראָז באַ מיין פענצטער נאָך נידעריקער,
ווערט נאַכט מיט צעשראָקענע אויגן נאָך ציטערדיקער,

ווערט בוים באַ מיין פענצטער נאָך מער פאַרשעמטער,
און האַרץ אין מיר קלעמענדיקס נאָך מער פאַרקלעמטער.

אַף מיין פענצטער לבנה — אַ געל־גאָלדענער אַרבוז,
וויינען שטיל אין דער נאַכט אַריין איך און דאָס גראָז.

בלוטיקט זון אף שפיץ פון שפיז

ל. מ. שטיינען

וועלט האָט אַריינגעשליידערט אַ שפּיז
אין האַלדז — דער זון, צעלויכטענער,
ברענט דער גרויער האָריזאָנט
מיט בלוט פון זון צעשאָכטענער.

בלוטיקט זון אַף שפּיץ פון שפּיז
אין גרויליקע פאַרנאַכטן,
בויט מען תליות, האַקט מען קעפּ
אַזש אין ניינצן דרייסיק אַכטן.

ווי הײשעריקן פאַלן אָן
אַף גאָלדענע, רייפע זאַנגען
אין בלוטדורשטיקן פּרעס, איין פאָלק
דאָס צווייטע האַלט געפאַנגען.

פון ליפּן אומריינע — רציחה,
ווי אַ שלאַנג אַ גיפטיקע
שיפּעט סם אַף אונדזערע וועגן,
אונדזערע וועגן ליכטיקע.

נייעסן — שוואַרצע פּלעדערמייז,
וואַרגנדיקע פֿאַרנאַכטן,
בלוטיקט זון אַף ביקס פֿון וועלט
אין ביינצן דרייסיק אַכטן.

מיט ליכט — מיט מענטשלעך אייביקער,
מיר עקשנותדיקע, גלויביקע,
מיר וואַרענען וועלט דער בלוטיקער.
מיר וואַרענען וועלט דער שטויביקער,
מיט ליכט מיט מענטשלעך — אייביקער.

בלינדע שנאה

האָבן זיך היינט אויפגעקליבן אַזויפיל „פאַרוואָסן״ —
ניט געצוימטע פערדלעך מיט פאַרבלוטיקטע קלאָען,
מיט מאַנענדיקן ברען אין מיר לאָזן מיך ניט רוען,
גאַלאָפּירן דורך מיין בלוט און צעשטויבן מיינע שעהן.

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס״ און „פאַרווען״
באַ דער נאַכט אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען.
האָט נאַכט געענטפערט מיט נאַכטיקן קלעם:
„ניט איך בין שולדיק פאַר וואָס און פאַר ווען״.

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס״ און „פאַרוועז״
באַ דער זון אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען.
האָט זון געענטפערט מיט זוניקן ברען:
„ניט איך בין שולדיק פאַר וואָס און פאַר ווען״.

האָב איך געשיקט דעם „פאַרוואָס״ און „פאַרוועז״
באַם ווינט אַ פרעג טאָן פאַר וואָס און פאַר ווען;
האָט ווינט געענטפערט מיט ווינטיק געשריי:
„ניט איך בין שולדיק פאַר צער און פאַר וויי״.

האָבן געוואַנדערט „פאַרוואָס״ און „פאַרוועז״
פון נאַכט צו דער זון און פון זון צו דער ערד;
ביז זיי האָבן געטראָפן אין האַרץ פון דער וועלט
אַ בלוטיק פאַרבלוטיקטע שווערד.

האָט די שווערד געענטפערט מיט מענטשלעכע רייד:
„ניט איך בין שולדיק פאַר צער און פאַר לייד,
ניט איך בין שולדיק פאַר מאָרד און גרויל".
אַזוי האָט געענטפערט די בלוטיקע שווערד,
פון דער וועלט דאָס פאַרבלוטיקטע מויל.

„ס'איז די בלינדע שנאה פון קין צו הבלן,
די שלאַנג וואָס פויזעט און סמט אונדזער ערד,
וואָס גריזשעט דאָס לויטערע האַרץ פון דער וועלט",
אַזוי האָט געענטפערט די בלוטיקע שווערד,
די בלוטיק, פאַרבלוטיקטע שווערד.

מיר האַרטנאַקיקע

פון ווייט און נאָענט
חיהשער געוואָי,
פון אייפערזוכט אַף אונדז —
האַרטנאַקיקע.

פון ווייט און נאָענט
שטשירען חיות־ציין,
פון אייפערזוכט אַף אונדז —
הייס־בלוטיקע.

פון ווייט און נאָענט
פאָכען בלאַנקע שווערדן,
פון אייפערזוכט אַף אונדז —
וועלט־פירנדיקע.

דער וועלט, דער חיהשער,
מיט ליכט מיר וואָרענען,
מיט זון, צעלויכטענער —
מיר, קעמפער יידישע.

טעג אונדזערע טרויערן . .

טעג אונדזערע טרויערן אַף געפאַלענע אין שלאַכטן,
טעג אונדזערע וואַרגן זיך מיט בלוטיקע פאַרנאַכטן.

טעג אונדזערע — טאָרנאַדעס איבער רייפע פעלדער,
גרייט מען צו עקידה יונגע מענער־וועלדער.

גרייט מען צו עקידה יונגע מענער־וועלדער,
איבער שטעט און דערפער, איבער ימען, לענדער.

טראָגט זיך ווי אַ וויכער אָנזאָג פון מלחמה,
ברויזט אין יונגע הערצער די קלאַפּער־שלאַנג — נקמה.

נאכט פארציט א שלייף

א.

זענען אָנגעפלויגן מערצאָווע ווינטן,
געבראַכט מיט זיך געוויין פון הימלאָזע קינדער;
אַף מיינע פענצטער קלאפּן הונגעריקע קינדער,
וויינען: עס—ס—סן, עס—ס—ן, עס—ס—ן.

ערב פרילינג.
פאַראַן געגנוג ביימער פאַר פייגלשע נעסטן,
פאַראַן געגנוג וועלדער פאַר אַלע חיות,
נאָר פאַר מיינע ברידער צווישן מענטשן
ניטאָ איז קיין דאַך און ניטאָ קיין געלעגער;
נאָר מיינע ברידער צווישן מענטשן —
באַגעגנט מעסערדיקע שנאה.

ערב פרילינג.
ערד איז אָנגעזויגן מיט בלוט.
נאַכט בייטשט מיט מעסערדיקער שנאה,
לבנה גיסט גאַל, און שטערנליכט שפּרייט סם;
ברידער מיינע, געבייטשטע פון בלוטיקער רציחה,
ברידער מיינע, געקרייציקטע אַף אַלע וועגן,
נאַכט פאַרציט אַ שלייף אויך אַף מיין האַלדז.

ב.

ברידער מײנע,
געבײטשטע, געשמיסענע, פֿאַרטריבענע,
ברידער מײנע, פֿון הײמען אױסגעװאָרצלטע,
די אַף שיפֿן װאָגלענדיקע,
לאַנדלאָזע און ברעגלאָזע,
די אַרום די אַלפּן בערג,
פֿאַרפֿרױרענע, פֿאַרבליבענע,
די אַף אַלע גרעניצן
פֿאַר אײך פֿאַרשלאָסענע,
פֿאַר אײך, מײן טרײסט, מײן ליד,
און אױך מײן פֿלאַטערנדיק האַרץ.

א ווארט אזא

פ אַ ר נ אַ כ ט.

אין ווינטיקן געדריי
פרישער שניי.
פון פרישן שניי אַרויס
וואַקסט אויס פאַר מיר אַ וואָרט,
אַ וואָרט וואָס עסט זיך איין
ווי בינען אין מיין לייב.
אַ וואָרט, גאַליק גרין,
שניידנדיק דין—דין
דאָס וואָרט ז ב אַ נ ז ש י ן.

פ אַ ר נ אַ כ ט.

דאָס אונט-ברויט איז גרייט.
מיר עסן שטיל די זופּ,
און מיטאַמאָל אין האַלדז,
אין האַלדז באַ מיר אַ קנופּ.
וואַקסט אויס פאַר מיר דאָס וואָרט,
קלינגענדיק ווי מעש,
זבאַן — זבאַן, גלין — גלין,
גאַליק — גרין,
דאָס וואָרט ז ב אַ נ ז ש י ן.

פ אַ ר נ אַ כ ט.

די קינדער מײַנע צװײ
מיט פֿרײדיקן געשרײ:
„אױ, מאַמע, זע
דעם פֿרישן שנײ!"
— „אױ, קינדער מײַנע, כ'זע
פֿון שנײ אַרױס אַ װאָרט
װאָס װעבט זיך װי אַ שפּין,
אַ װאָרט — גאַליק, גרין,
דאָס װאָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

נ אַ כ ט.

דאָס בעט איז פֿאַר מיר גרײט;
באַם אָװנט־שײַן פֿון לאָמפּ
די צײַטונג אױסגעשפּרײט;
און װידער גיט אַ גלי,
און װידער גיט אַ ברי,
אַ װאָרט — גאַליק, גרין,
פֿאַרגיפֿטנדיקע בין,
זשין — זשין, זשין — זשין,
דאָס װאָרט ז ב אָ נ ז ש י ן.

באהאַלט זיך, כשופדיק פנים!

גרויזאַמע טעג און וויסטע,
ערגעץ בושעוועט פינצטער בלוט,
אין חרובע היימען פוסטע
סוף פון לעבן רוט.

איבער דער וועלט אין פיבער
חיהשער צאָרן רופט,
איבער ערדישע ראַנדן אַריבער
פליסן ריטשקעלעך בלוט.

באַהאַלט זיך, אָ, זון געטרייע,
און פינצטער זאָל ווערן דער טאָג,
דאָס שלאַכטפעלד — איין גרויסע לויה,
דאָס שעכטן — אַ אייביקע פלאָג.

ביז וואַנען, מענטש, וועסטו שעכטן
מיט גלאַנציקן חלף אין האַנט?
דער זעלביקער חלף פון נעכטן,
דאָס זעלביקע שעכטן אויך היינט.

באַהאַלט זיך, כשופדיק פנים,
לבנה אַף דאַך און אַף שויב,
ביז וואַנען די מענטשלעכע יאַטקע?
ביז וואַנען דאָס רעווען נאָך רויב?

אַריבער די ערדישע ראַנדן,
אַריבער דעם חיהשן צאָרן,
וועט אויפשטייגן מענטשלעכער אמת,
וועט אויפלויכטן מענטשלעך געוויסן.

דאָס בייז פון דעם מענטשן
איז גרויס אַף דער ערד

מענטשלעכע אכזריות, נאָך פון פּרעהס צייטן —
שוואַרצע, ווילדע פערדלעך אויף וועלטס געוויסן רייטן.

מענטשלעכע אכזריות ביזן גרויען היינט —
פאַרוואָס האָט זון־פאַררעטערן אויף שלאַכטפעלד היינט געשיינט?

האָבן ביקסן היינט געצילט חברים ביי דער וואַנט,
נישט דאָס ערשטע בלוט פאַרגאָסן האָט חברישע האַנט.

זיך אַליין פאַרמשפּט אין די אויגן פון דער וועלט,
גליען, ברענען שטומע עדות — רויט באַפלעקטע ווענט.

ערשט געפלאַטערט ווי די פאָנען, פרייד צעזייט אַף גאָרער וועלט,
ערשט די פינצטערניש געשניטן, ווי ראַקעטן אויפגעהעלט,
שוין פאַרמשפּט, שוין געשאָסן, חבר חבר האָט צעשאָסן.

קינדער מיינע, קינדער אַלע, קינדער פון דער גאַנצער וועלט!
כ'האָב מיך היינט פאַרשעמט פאַר זיך,
פאַר אייך און פאַר דער גאַנצער וועלט.

פאר וואס דרעמלסטו, גאָט?

נאַכט ווײַנט מיט גרויל פון אונדזער הפקר־לעבן,
לבנה שווײַגט מיט פּײַן פון בלאָנדזשענדיקע שיפן,
דער שונא, ווי אַ שפּין, טוט נעצן פאַר אונדז וועבן,
אונדזער בלוט ווײַנט פון אַלע טיפן.

וואַלד רעדט מיט שרעק פון אונדזערע געפאַרן,
ים ברויזט מיט סם און טויט,
גאָט, אַף אַלע פעלדער בליען אונדזערע צערן,
אַף אַלע וועגן ווינקט צו אונדז דער טויט.

גאָט, מיר האָבן דיר אָנפאַרטרויט אונדזער לעבן,
דו אונדז — דײַן הייליקע תורה;
מיר האָבן דײַן תורה געבראַכט פאַר דער וועלט —
אַ לויכטנדיקע מנורה.

פאַר וואָס־זשע דרעמלסטו, גאָט, אַצינד,
ווען עס גוססט אונדזער לעבן אַף בלאָנדזשענדיקע שיפן,
ווען אונדזער לעבן איז הפקרדיקער פון אַ גרעזל אין ווינט,
ווען עס ווײַנט אונדזער בלוט פון אַלע טיפן.

דיין ווייסקייט באַרואיקט
מיין בלוטיק געוויין

ווייסער שטיין, מיין איבּיקער חבר,
מיט דיר איז מיר גוט איצט צו זיין אַליין;
דיין קאַלטקייט קילט מיין הייסן שטערן,
דיין ווייסקייט באַרואיקט מיין בלוטיק געוויין.

אַ, לאָז מיך זיך הילן אין דיין קאַלטער האַרטקייט,
זי איז ליבער פון מענטשנס בלוטיקן שויס,
ווייסער שטיין, מיין איביקער חבר,
מיט דיר איז מיר בעסער צו זיין איצט אַליין.

מענטש איז ווער? און וואָס איז גלויבן?
אַ, חבר מיינער, ווייסער שטיין;
די פּאָן פון פּאַרראַט אַף יענע שויבן,
אַף וועלכע זון האָט גענומען פּאַרגיין.

דער טאָג ווערט פינצטער, די שטערן — וואונדן,
נידעריקער ווער איך פון גראָז אַצינד,
אַ, גאָט, אין אַ וועלט פון אַזוי פיל וואונדן —
פאַרשטיינער מיך אויך, פאַרשטיינער אַצינד!

גפֿאַרן

רעדלען רעדער אַף בריקן און אַף דעכער,
יאָגן רעדער אַף שינעס, טראָטואַרן,
אין טונעלן, גאַסן און בולוואַרן.
ווינטיקט טויט אַף ראָד און רעדל, ווייט און נעבן
אין געפֿלי, געדריי, געיעג אַף מענטשלעך לעבן.

אין דער פֿרי, כוואַליען זיך אין גאַס אַרויס
צוויי פֿישלעך, גאָלדענע, די קינדער מיינע,
ווען לעצטער טיר־פֿאַרמאַך פֿאַרשטומט מיט לעצטע טריט,
בלייב איך פֿאַרציטערט שטיין מיט אַ געבעט:
„עס לויערן געפֿאַרן, אָ, זייט געהיט״.

טרעפֿט עס שפּעטיקט שוין די שעה
און קינדער זענען נאָך ניטאָ,
אַן אומרואיקע כוואַליע ווער איך דאַן
און שליידער זיך פֿון שויב צו שויב,
ביז פֿריידיקער געלעכטער נעענטערט צום הויז.

מיט שטאַרקן קלינג און דינג
צעפּראַלן זיך די טירן, —
שטראָמען מיינע פּישעלעך אַריין
צום ברעג צום זיכערן —
צו מאַמעס שויס.

פֿאַרנאַכט, ווען זילבער־אַרבעסלעך צעגליִען זיך אין הימל
קומט טאַטע אָן מיט פולע אָרעמס ליבשאַפט,
מיט ווינטיקן געלאַף, די קינדער אים אַנטקעגן,
נעמט קינדער־פרייד פון אַלע ווינקלעך שפּאַרן,
און מען פאַרגעסט ביז מאָרגן פרי, גרויסשטאָטישע געפאַרן.

ווינטן

אַ באַנדע ווינטן לויערן אַף דיר, שיקאַגע,
און רייצן אָן לייק מישיגען אַף דיר,
כ׳האָב ליב אַף מישיגען בולוואַר שפּאַצירן
ווען ווינטן גיבן זיך אַ ריר.

ווינטן נישטערן און לויערן אַף אַלע דיינע ראָגן,
טרייסלען פון די מויערן די שויבן,
פאַרטרייבן קנוילן רויך צוגלייך מיט כמאַרעס
און וואַרפן זשמעניעס שטויב דיר אין די אויגן.

זיי יאָגן זיך נאָך דיינע צוגן און טראַמווייען,
און לאַכן אין די פנימער פון דיינע רייכע זאַלן;
געשטאַנק פון דיינע שלאַכט־הייזער, צעטראָגן זיי —
מתנות — דיינע אָרימע קוואַרטאַלן.

אין נעכט אין פינצטערע, אין נעכט אין בלינדע,
באַזעצן זיי זיך ברייט אין דיינע פרייע פּאַרקן
און פייפן אויס סימפאָנישע עלעגיעס צו דיר,
און העלפן דיין גרויסשטאָטישע סימפאָניע פאַרשטאַרקן.

גאט דער איינציקער זעט און לאכט

ציימונגען. נייס. שלאַכטן, בלוט.
שפּיל פון ביקס און שפּיל פון קנוט.
מאָנסטער שפּאַנט. בלוטיקער ריז.
האַק אין האַנט, ביקס און שפּיז.
אייזערנע קנאַפּל אַף מענטשן־טרעפּ,
בלוטיקער שווידער אַף אונדזערע קעפּ.

פינצטערניש האָט איר גריווע צעלאָזט,
בריקעווועט ווילד אַנטקעגן גאָט,
קלינגט דער גלאָק פון וועלט־יאַריד
האַק און קרייץ און האַס צום איד.
פינצטערע כמאַרעס קנוילט די נאַכט
און גאָט דער איינציקער זעט און לאַכט . . .

פאפירעלע נישטיקס

אונטער רייסנדיקער דזשאַז־מוזיק,
ווי אַ גרויער קאַרוסעל,
דרייט זיך דאָס לעבן.

ווער עס זשליאָקעט וויין
פון גאָלדענע קרוגן,
מיר — מיט לידער
אונדזער אומרו פאַרוויגן.

אַ „דזשאָנגל"־טאַנץ
צום גרינעם טאָלער —
טאַנצט מען אין אונדזער לאַנד.

אָ, טאָלערל, ליבינקער,
פאַפירעלע גרינינקער,
פאַר דיר סאַלוטירט אונדזער לאַנד.

וויפל לעבנס פאַרשניטענע ,
טאָלערל, ליבינקער,
וויפל געליטענע,
פאַפירעלע גרינינקער!

אין גאַסן אָרימע
פון אונדזער לאַנד דעם פרייען,
ווײנט דאָס לעבן מיט אַ געוויין אַ נייעם.
קינדער טאַנצן אַ סקעלעטן־טאַנץ
אין גאַסן אָרימע פון אונדזער פרייען לאַנד.

און די אָרימקייט, די אַלטע מכשפה
שפּרייזט אַריבער שוועלן פון די היימען,
לאָזט מתנות — קראַנקהייטן אין בעטן,
פּיפּקעט זיך אַ ליולקע און זי שילט זיך;
צינד זיך אָן, אַ טאָלערל, דו ליכטיקס,
ווער פאַרברענט, פּאַפּירעלע דו בישטיקס.

נאכט אזא

יונג לבנה — זילבערנע גאָנדאָלע,
ווינט צעשטויבט אַף פריסיק הויפּנס שניי.
נאַכט אַזאַ, וואָס גליט מיט הייסע וואונדן —
בייסט זיך איין אין פנימער פון צוויי.

איינעמס אויגן — פּייערלעך פון וואָלף,
און דעם צווייטנס — מילדער פון אַ שאָף.
איינעם בריט די שאַרף פון קאַלטן מעסער,
און דעם צווייטן — שרעק פון ערשטן פּרוּאוו.

נאַכט אַזאַ פון דימענט־בליץ און זילבער,
נאַכט אַזאַ פון צוגעזאָגטן ברויט.
יונג לבנה — זילבערנע גאָנדאָלע —
פאַרבט אַף שניי אַ שנירעלע פון רויט.

נאַכט אַזאַ פון גליענדיקן אָטעם,
אַף ווייסן שניי — אַ שנירעלע פון רויט.
דאָס צוגעזאָגטע ברויט פאַר ווייב און קינדער
האָט אויפגעגעסן זיגעריש דער טויט.

הונגער

אַף די ראָגן פון דאַון־טאַון
שפּילט הונגער־צאָרן.
הונגער־אויגן פּאָלגן נאָך
ווי אַ שאַרפער דאָרן.

פליען טויבן טשאַטעסוויז —
אַנזאָגערס פון שלום,
ברויזן הערצער פול מיט סם,
ווי אַ בייזער חלום.

אין די שוי־פענצטער דאַון־טאַון —
עסנוואַרג פון בעסטן,
הונגער־אויגן שפּיזלען סם,
אומגליק זייער גרעסטן.

יום־טובדיק די שוי־פענצטער,
טויבן אַף די דעכער,
אָבער אונטן **אַף דער ערד**
שטייגט דער צאָרן העכער.

אָבער אונטן אַף דער ערד
שפּיזלט הונגער־צאָרן,
הונגער־אויגן פּאָלגן נאָך —
ווי אַ שטעכיק דאָרן.

שוואַרצער אַנזאַג

לעצטע טעג אין האַרבסט,
פינאַל פון לעצטן וועלקן,
ווייסע נעפּלען הילן מויער, בוים און גאַס.
וואַסערדיקער הימל,
ווי אַ ווייסע בעלמע
שפּרייט אַ בלינדן טרויער איבער אָרימער גאַס.

הייזער — הויקערס,
פֿענצטער — בלינדע בעטלער,
אַף די הוילע טישן — ביינערדיקע הענט.
אַף די הוילע טישן —
טאַנצט אַרום דער הונגער,
קנוילן זיך אין פּויסטן אַרבעטלאָזע הענט.

בלויז אין קינדער־אויגן —
אַזאַ מאָדנער פֿייער,
מאַמעס ליפּן שיקן קללות אַף דער וועלט.
בלייבן קללות הענגען
איבער טיר און פֿענצטער,
ווי אַ שוואַרצער אָנזאָג צו דער זאַטער וועלט.

אמת וועט נאָך קומען

ניט קיין טשאַטע אָדלערס פּאַטשן איבער דעכער,
פליען עראָפּלאַנען נאָך פון פייגל העכער.

ניט קיין פעלד־געזאַנג — שטאָט מיינע, דיין שפּראַך,
דראָטענער געמורמל, באַן־געריטש אַף דאַך.

ניט קיין סערענאַדע — אויטאָ־רויש און טראַם,
יאָגעניש אַף לעבן — וויסטער טאַראַראַם.

ניט קיין רו אין פאַרבן צווישן הויכע ווענט,
בויען, שאַפן וואונדער מיליאָנען הענט.

אויפגעבויט וואונדער, שטעט מיט גרויס פאַרנעם,
מויערער און בויער — אין דחקות און אין קלעם.

מויערער און בויער אייביק אין געשפּאַן,
אמת וועט נאָך קומען, אמת איז פאַראַן.

שיקאגע

שיקאַגע, שטאָט מיינע, ברייטפּלייציקע דאַמע
מיט ווינטיקן, פאַרשטויבטן און פאַררויכערטן געזיכט;
דיין בלוט נעמט פלאַמענדיק און שכור זיך צעצינדן,
ווען עס פלאַקערט אויף דיין מיליאָנענדיקע ליכט.

דיין האַרץ פּולסירט מיט דאַמף פון דיינע צוגן,
שטאָלצירסט פאַר וועלט מיט דיין פאַרמעג,
און די וואָס האָבן מיט ווין פאַרפולט דיינע קרוגן
וואָגלען הונגעריק אַף זייער וויסטן וועג.

שיקאַגע, שטאָט מיינע, ברייטפּלייצעדיקע דאַמע;
דיין ברוסט — „לייק מישיגען" צעכראַסטעט בלוי און פריי —
ניט פאַר אַ יעדן דאָ ביסטו אַ גוטע מאַמע,
און ניט צו יעדן קינד דיינס — מאַמעדיק געטריי.

באַם האַרצן נאָגט אַזאַ מין מאָנענדיקער ווייטיק
און מאָנענדיק גריזשעט אַ פיינלעכער געפיל;
ווען מחנות קינדער דיינע וואַלגערן זיך קויטיק
אַף חורבות גלייך מיט קעץ און מייז אין הונגער־שפּיל.

און דו, ווי רחבותדיק און קיילעכדיק צעגוידערט
מיט דיין שטאָלענעם און אייזערנעם פאַרמעסט;
די וואָס האָבן אַלץ צו זאָט פאַר דיר פאַרגרייט
באַ די מיסטקאַנען איצט זענען געסט.

די נעכט פאַרשכורן די רייכע זינדלעך דיינע,
אין דיינע רייכסטע זאַלן פוסט און פאַס;
און די וואָס האָבן אַלץ צו זאָט פאַר דיר פאַרגרייט
זוכן זייער נאַכטלעגער אַרום אין גאַס.

דיין קאַפּ „דאַון־טאַון" מיט שיק פון לעצטער מאָדע,
דיין קונסט אַלט־ניי, פון קלאַסישן דע־לוקס,
פאַר די קראַנקע דיינע שענקסטו אַביסל יאָדע,
און גרויסט זיך מיט דעם אויפשטייג פון דיין וואוקס.

אין די אָרימע קוואַרטאַלן דיינע, אַזוי פיל שאָטן,
הונגער טאַנצט שוין ווילד זיין ביינערדיקן טאַנץ . . .
אַ פייערדיקן פונק האָט עמיצער אין דיר פאַרקנאָטן —
אַז פלאַקערן וועט ווען אַ פייערדיקער קראַנץ!

צו דער פרוי

שוועסטער מײַנע —
ווער און וואָס און וואו דו זאָלסט ניט זײַן,
פון וואָס פאַר אַ שטאָט, פון וואָס פאַר אַ לאַנד,
פון וואָס פאַר אַ שטאַם,
און הויט,
דו — קאָלאָסאַלע מאַמע פונם מענטשלעכן באַשאַף,
דורך דיר דער וועג צום לעבן,
און דורך דיר דער וועג צום טויט!

דורך דיר — דער וועג צום לעבן,
און דורך דיר — דער וועג צום טויט;
דאָס גוטס און שלעכטס וואָס אַף דער וועלט
איז אַלץ אין דיר פאַרטרויט.
דורך דיר — דער וועג צו אומזין
און דער וועג צו שקלאַפערײַ;
דורך דיר — דער וועג צום אונטערגאַנג,
צום אויפגאַנג פונדאַסנײַ.

דו — אַ מאַמע, אַ שוועסטער,
דו — אַ כלה, אַ ווייב;
ביסט די פלייט פון וועלטס אָרקעסטער,
צום פאַרקויף דיין הייליק לייב.
דו — די הערשערין און שקלאַפין,
פּאַראַדאָקס פון אייביק אָן;
אינספּיראַציע פאַר קינסטלער,
און אין קונסט דער אויבנאָן.

מיט ווילדן אומרו און מיט פּיין,
כ׳פאַרנעם דער וועלטס געשריי;
און רוף צו דיר, דו ערדישע,
דערלייז די וועלט פון ווי
מיט דיינע שאַפנדיקע הענט,
הייל אויס די וואונדן פון דער וועלט;
און פון דיין צאַרטן מאַמע־אויג
זאָל אויפגיין ליבע אַף דער וועלט!

בליט מיין בענקשאפט

ש ו ל ד י ק

אַ מאָנונג אין מיר, אַ מאָנונג אַזאַ,
ווי אַ רויטער שנאָבל אין אַ בלויער שויב —
פּיק. פּיק. פּיק.
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

פֿאַר דיין זיידנס פֿאַרהונגערטן לעבן —
דו. דו. דו.
פֿאַר דיין טאַטנס פֿאַרהאָרעוועטע יאָרן —
דו. דו. דו.
מורמלען מיינע ליפּן,
נישט דערהערט פֿאַר קיינעם —
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

מיין זיידע אין אוקראַינע —
שוין לאַנג מיט ערד באַבערגלט.
מיין טאַטע־מאַמע — דאָ אַף היגן באָדן.
ערד שפּראָצט דורך זיי מיט נייעם לעבן.
און אין מיר אַ רויטער שנאָבל,
פּיק. פּיק. פּיק.
מורמלען מיינע ליפּן,
נישט דערהערט פֿאַר קיינעם —
שולדיק.
שולדיק.
שולדיק.

נאענטקייט

כ׳האָב געבענקט אַזוי נאָך דיין נאָענטקייט,
ווי אַ זעגלשיף נאָך דעם ווינט;
כ׳האָב געדאָרשט נאָך דיין וואָרט, נאָך דיין פריידיקן
ווי שרייב־פּאַפּיר ווייסער, נאָך טינט.

האָסט באַטראָטן מיין שוועל אַ פאַרשאָטנטער,
מיט טונקעלער כמאַרע אין אויג;
האָט מיין בענקשאַפט געגליט אַ באַליידיקטע —
אַ גרינע שלאַנג אין מיין אויג.

לאָז דעם שאָטן און כמאַרע פון יענער זייט שוועל,
מיט פרייד קום אַריין, און מיט אויגן־גלי!
דער צער פון דער וועלט איז גרויס אַזוי אויך,
און דאָס גולמדיקע ווייִנט אין אונדז סיי ווי . . .

אפילו דאָ אין אונדזער ענגן ווינקל,
ווערט מיר גוט ווען די זאָרג גייט אַוועק,
ווען אַ פלאַם אין דיין אויג טוט אַ פינקל
צעגייט זיך ווי נעפּל מיין שרעק.

און ס׳ווערט גרינג מיין נשמה און ליכטיק,
ווי דאָס ליכטיק געשטאַלט פון מיין קינד;
ווען דיין נאָענטקייט פלאַטערט אַרום מיר
ווי אַ ווייסער זעגל אין ווינט.

בליט מיין בענקשאפט

עס בענקט נאָך דיר
דאָס בלוי פון מיינע אויגן.
מיין בענקשאַפט בליט —
אַ גליענדיקע מאָן־בלום,
מיט בינען־גאָלד,
די בלומען אַף די פענצטער —
פלאַטערן:
אָ, גיכער קום!

פלאָנטערט זיך דער זומער באַ מיין שוועל
אין בונטע פאַרבן,
פאַרטרונקענע מיט זון־ליכט,
טיר און פענצטער וואַרטן אַף דיין קומען,

אַפן טיש, דער טישטוך
בליט מיט פוטער־בלומען,
און אַפן טיש פאַרגרייט
עס וואַרטן אַף דיין קומען,
ברויט, און פרוכט, און לידער
זיס צום גומען.

אלע ריגלען אופגעשלאסן

אַלע ריגלען אויפגעשלאָסן,
זון ליכט אַף מיין שוועל,
מיין נשמה איצט אַ נאַקעטע
האָט צעטאַנצט זיך העל.

זיילן גאָלד אַף ווענט פאַרשאָטנטע
טאַנצן מיט,
איך, אַ קינד אַן ערשט געבאָדענע
אין דער מיט.

מיין נשמה איצט אַ ליכטיקע
פלאָטערט אום —
ווי אַ פאַרביק פלאַטערל
פון בלום אַף בלום.

אַלע ריגלען אויפגעשלאָסן
בלויז פאַר דיר,
מיין נשמה אַ געלייטערטע
טאַנצט אין מיר.

איך בין דאס פעלד

איך בין דאָס פעלד וואָס טראָגט אין זיך דיין זאָמען,
דיין ליבע — אָטעם, רעגן, ווינט און זון;
כ׳וואָלט אָן דיין ליבע גיך אַזוי פאַרדאָרבן,
פונקט ווי דאָס פעלד אין שוואַנגערשאַפט אָן רעגן און אָן זון.

עס וואַקסט אין מיר און שטראָמט אין מיר דיין זריעה
און פילט מיך אָן מיט גלויבן אין דער שניט־צייט;
און ווי דאָס פעלד — איך חלום פון דער שניט־צייט,
פון געראָטענעם שניט און פון גאָלדענער תבואה.

דאָס פעלד איז ברייט און פלאַך און שפּראָצט מיט ברויט,
און איך בין בערגלדיק און בלי מיט לעבן;
איך און דאָס פעלד — מיר זענען איינס, מיר נעמען און מיר גיבן,
מיר האָדעווען די וועלט מיט מענטש און ברויט.

בענקענדיקע שוואמען

בליט מיין פרויענלייב אַף ציכטיקן געלעגער;
פול מיט צוזאָג אָטעמט היינט די נאַכט.
צערטלט זיך מיין לייב אַף ציכטיקן געלעגער
פון זוניקע באַגערן אויפגעבראַכט.

וויקלט אויף מיין לייב צעבלעטערטע באַגערן
מיט טויזנט בענקשאַפטן באַוואַכט.
גלידער מיינע, זינגענדיקע לידער,
בענקענדיקע שוואָמען אין דער שטילער נאַכט . . .

דערוואַרטונג

ציטערדיקע שעהן פון מיין לעבן!
אין דינסטע פעדים פלאָנטערט איר מיך איין.
ווען דינסטע פרייד און אומבאַוואוסטער טרויער,
ווי רויטער אויפגעשוימטער, גליענדיקער ווייך,
צעשוימען אַלע מיינע יונגע גלידער
מיט זיסן פיין!

ווען לעבן ציטערט אויף אין מאַמעס טראַכט
און שפּאַרט זיך צו דערזען גאָטס וועלט;
ווען אין דערוואַרטונג פלאָנטערט אויף דאָס האַרץ,
ווי ווייסע פלאַטערלעך אַרום דעם ליכט וואָס העלט;
ווען שעהן אין לויף פון זייער גאַנג,
ווי יונגע דערשראָקענע פויגל,
פּאַטשן ריטמיש מיט די פליגל אויס
מאַ־מע, מאַ־מע, מאַ־מע;
ציטערדיקע שעהן קלינגען אויס —
מאַ־מע, מאַ־מע, מאַ־מע.

אָ, שטיל געבעט, פליס פון מיינע ליפּן
צו אַלץ וואָס אייביק איז, צו אַלץ וואָס לעבט,
אַז פיין פון געבוירן זאָל ניט זיין אומזיסט,
אַז פיין פון געבוירן זאָל ברענגען אַף דער וועלט
דאָס ליכט געוואונטשענע, דאָס ליכט געגאַרטע!

א ו י פ ב ל י

כ׳האָב זיך אויפגעקניפּט, און צייטיק, ווי דער בוים אין פעלד,
האָב אויפגענומען מיט פרייד דעם זאָמען פון דער וועלט.
און ווי דער בוים באַלאָדן שווער, וואָס וויגט זיך אום אין פעלד,
קנוילט אין מיר, שפּראָצט און בליט דער דויער פון דער וועלט.

ווי וואונדערלעך צו פילן אין זיך די לאַסט פון יונגע פרוכט
ווען גלידער זאַפטיקן און צייטיקן מיט לעבעדיקער פרייד;
אַ בענטש אין מיר דורך שוואַנגערשאַפט די בליענדיקע פרוכט,
מיין קינד זאָל אויפגיין פאַר דער וועלט, אַ ברענענדיקע פרייד.

געבורט

אויפגעקוואַלטע ווײ־געשרייען, יסורים פון געבוירן,
שטראָמען אָן און קלאַמערן זיך אַף די ווענט —
האָבן ווייען פון געבוירן אויסגעפּיקט דעם נאָמען „מאַמע״,
האָט אַ מאַמע צוגעטראָגן איר חלק צו דער וועלט.

שפּיטאָל־געהילף, ווי ווייסע פלאַטערנדיקע מעוון,
פלאַטערט אום אין לאַנגע קאָרידאָרן,
און דאָ אין צימער, אַף ווייסע שמאָלע בעטן
גייט אויף דורך פּיין אַ פרייד פון ערשט־געבוירן.

גייט אויף דורך פּיין אַ פרייד פון ערשט־געבוירן,
און מאַמע האָט דערפילט דעם ערשטן ציטער פון איר קינדס באַריר,
גייט אויף אַן אַראָמאַט פון שאָקאָלאַד און מעדיצין,
און פרישע קריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר.

פרישע קריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר,
און זי, זי טראַכט פון ערשט־געבוירן קינד, פון וועלט און מענטש,
אַז ניט פאַר זיך האָט זי געבראַכט דאָס קינד אירס אַף דער וועלט,
נאָר פאַר דער וועלט,
ס׳זאָל טראָגן מיט רעכט אַף זיך דעם נאָמען „מענטש״.

אין שפּיטאָל

די ערשט־געבוירענע, ווי קליינע בלינדע הינטלעך,
וואָיען אין דער נאַכט אַריין דער וועלטס געוויין.
אין ווייסע אָנצוגן, אין ווייסע מיצלעך
שפּיטאָל־געהילף — ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

זיי פלאַטערן אַרום ווי אומרואיקע מעוועס
אַרום דער דעק פון אַן אָפּגייענדיקער שיף,
און ווי סיגנאַלן פון אַ בלאָנדזשענדיקער סירענע
דערטראָגט פון ערגעץ זיך אַ פּיינלעך שאַרפער רוף.

אַף פּויץ־טישלעך, פון שיינע בלומען־טעפּלעך —
יוני־רויזן, רויטער נאָך פון בלוט,
פאַרחלשטע דערנידערן די קעפּלעך
מיט אויפגעבליטן טונקל־רויטן גלוט.

און טיי־רויזן, ווי צייטיק־געלע פערשקעס
ווייען אַן אַ דינעם אַראָמאַט,
אין אַ געמיש פון שאַרפער מעדיצין
און זיסער ביטערקייט פון שאָכטלעך שאָקאָלאַד.

אַף בעטן שמאָל און ווייס — געווינערינס,
מיט בלייכע פּנימער און מאַטע בליקן,
ווער עס נעמט אויף איר קינד מיט מאַמע גליק,
און ווער פאַרצווייפלענדיק מיט צער אין בליק.

קינד מיינס

קינד מיינס, בלויאויגיק מיידעלע מיינס,
אין דיין צווייאָריקן ליכטיקן בלי
פּלאַטערסטו אום אין דיין פּשוטן קליידעלע,
ווי אַ יונגע שוואַלב אין איר זוניקן פלי.

ביסט ווי אַ זאַפטיקער מילגרוים, אַ צייטיקער,
קורצינקער נעזל און גאָלדענע האָר,
ווערסט ווי פאַרכשופט פון מעשהלעך, לידעלעך,
אויגעלעך — שטערנדלעך — פלעמלעך זיך נאָר.

ווערט אונדזער ווינקל פאַר דיר אַ וואונדער,
פאַרביקע שפּילעכלעך דאָרטן און דאָ,
ביסטו פאַר אונדז ווי אַ קוואַל אַ דערפרישנדער —
אַ לויטערער טרונק אין אַ דורשטיקער שעה.

קינד מיינס, בלויאויגיק מיידעלע מיינס,
פרעמד איז פאַר דיר נאָך די לאַסט פון דער וועלט;
אַף אונדזער שאָטנוועג זיי זשע אַף ווייטער
דער פלאַם, דער געוואונטשענער, ליכטיק צעהעלט.

אלע שפּרייטן זיך ווי שטויב

מיטן אָנקום פון פרילינג,
וועט קומען מיין טאָג דער לאַנג דערוואַרטעטער,
מיין טאָג — דער אויפגעוואַכטער,
מיין טאָג, דער באַשעפער פון אַ ניי לעבן,
וואָס דו האָסט מיט ליבשאַפט מיר געגעבן.

מיטן אָנקום פון פרילינג,
וועט קומען מיין טאָג ווי אַ שניטער,
וועל איך זיך בויגן ווי אַ צייטיקע זאַנג
אין שניטערס פאַנג.

דערוויל איז נאַכט,
דאָס נייע לעבן,
וואָס דו האָסט מיט ליבשאַפט מיר געגעבן,
קנוילט דערוויל זיך בלינדערהייט —
באַ מיר אין טראַכט.

דערווייל איז נאַכט.
און סודותדיקע טראַכטונגען
פאַרוועבן מיין געדאַנק,
און ווי פאַרשכורט פון אַ שטאַרק געטראַנק —
אַזאַ געשאַנק! אַזאַ געשאַנק!

דאָך ווי ציטערדיק עס פּיקט זיך אַ געדאַנק,
אַז נאָך אַ מענטש ט'אַרויס אַף וועלטס אַרענע,
איז וואו דער זין? —
אַז מענטש און וואָרעם,
לייב און שפּין,
אַז אַלע שפּרייטן זיך ווי שטויב,
צו וואָס די פרייד, צו וואָס דער לויב,
אַז איך און דו — מיר זענען שטויב!

בא מיין קינדס בעטל

פרייד מיין ליכטיקע — מיין קינד
צוגעשמידט צום בעטל,
קליינער גוף צעפלאַמט
אין שטייגנדיקן פיבער,
בלויע אויגעלעך
פאַרצויגן מיט אַ נעפל,
שטומט מיין האַרץ
מיט שרעק און גליווער.

אַלע שרעקן פון מיין האַרצן אויפגעבונדן,
וואַרגנדיקע שעהן
חלפן אַף מיין געמיט,
ציטערנדיקע שעהן
קינד מיינס אַנגעצונדן
שניידט מיין האַרץ —
אַ טעמפע שאַרף
שניט נאָך שניט.

שעהן פיינלעכע אין שטומען גליווער,
האָב דיין בעטל, קינד מיינס,
ציטערנדיק באַוואַכט,
ביסטו איצט אַזוי פיל מאָל מיר ליבער
ווען פאַרשוואונדן איז —
די פיברנדיקע נאַכט.

קוקן דיינע אויגן איצט מיט גלויבן,
און דיין שמייכל היילט מיר וואונד נאָך וואונד,
בלייב זשע, קינד, דאָס קערנדל דאָס פולע,
אַף אונדזער מאָגערן, צעפאַלנדיקן גרונט!

א שטויבעלע בין איך

איך האָב געשפּאַצירט מיט שטילע טריט
צווישן פעלד און וואַלד אַף אַ וועג אין דער מיט.

פעלד האָט זיך פאַרשכורט מיט פולע לאָגלען נאַכט
און אַ זילבערן אויג האָט איבער מיר געוואַכט.

רעכטס האָט דער וואַלד געטרונקען שטערן־ליכט
ווי אַן עדה אידן אין גאָטס אָנגעזיכט.

און איך אַ מענטש מיט מיין גאַנצן פאַרמעג —
אַ פּינטל, אַ פלעק אַפן ליכטיקן וועג.

און איך אַ מענטש מיט מיין גאַנצן פאַרמעג
אַ שטויבעלע בין איך אין אייביקייטס טעג.

לבנה — מיין שלאף האט צעפערטלט

(ריסלען).

פרימאָרגן געבענטשט האָט דער ערד,
מיינע טריט, איבער ווילדגראָז און דערנער,
ווי אַ פייגל, מיין האַרץ האָט געפלאַטערט,
מיט פרייד פון פולע קערנער.

באַטאָג האָב איך זון־ליכט געטרונקען,
פאַרנאַכט־צו — ווינטעלעך קילע,
אין אָוונט געציילט האָב איך שטערן,
באַנאַכט — דיינע וואונדן, די שטילע.

לבנה, מיין שלאָף האָט צעפערטלט,
מיט שאַרפן און בלוטיקן מעסער;
מיין רו ווערט מיט אומרו געשוואָלן,
פון בייכיקן הימל נאָך גרעסער.

ניט דא, ניט הי

דאָס ווייסע הויז וואָס לעבן שליאַך,
די טשאַטע טויבן אױפֿן דאַך,
די ווייסע קאַץ, די רויטע קו,
דער הונט וואָס דרעמלט זיך אין רו,
דער גאָרטן אינם זומער־בלי
דערמאָנט אַ סך, אַ סך, אַ סך,
אין טאַטנס הויז, אין טאַטנס מי,
אַמאָל, אַמאָל, ניט דאָ, ניט הי.

און אױפֿן גאַניק פֿון דער ווייט
איך זע באַוועגן זיך צוויי לייט,
כ׳קום נעענטער צום גאַניק צו,
מיט שטילן אָטעם, כ׳קוק זיך צו,
נאָר ניין, אָ, ניין, ניט זיי, ניט זיי,
ניט מײַנע טאַטע מאַמע צוויי.

אויפגעפלאמטער שייטער

קניט די זון איבער דער אָזיערע,
ווי אַ זינדיקע באַ דער הייליקער מאַדאָנע,
אין געפאַלדעוועטן וואַסער־קלייד
לאַכט די אָזיערע די פרימאַדאָנע.

גוססט טאָג —
אין אָראַנזש, וויאָלעטע פאַרבן,
וויגט זיך וואַלד — אַן אַלטער גלח,
זינגט אַ פּסאַלם פאַרן שטאַרבן.

ווינט אויף אָזיערע צעוויגט —
אַן אָראַנזש, פייערדיקן לייטער,
איבער אים מיין בענקשאַפט גליט —
אַן אויפגעפלאַמטער שייטער.

צו א דיקטער

דער אמת שפּרינגט פון דיינע ציין,
צעטאַנצט זיך אַף צוהערערס ליפּן,
מורמלען ליפּן: אמת, אמת.

פלאַטערן דיינע אויגן־דעקלעך פלאַטערדיקער,
פינטלען דיינע שוואַרצאַפּלען פייערדיקער,
דונערט דיין „ר״ איבער שטילקייט פון זאַל.

דיין קאָפּ אין אַ ווייסער ראַם,
דיין וואָרט צעהאַקט די טעמפּקייט פון צייט,
טראָגסט היילונג פאַר דער קראַנקער וועלט.

צערינט די ביטערקייט פון וואָך,
לייכטן אויגן אויף מיט יום־טוב,
מורמלען ליפּן: אמת, אמת.

י ר ו ש ה

מי פון הבל'ן,
קינ'ס הויות,
געטלעכן שכל,
אָנבליק פון חיות,
טראָג איך אין זיך,
איך, מענטש —
סוד פון דער וועלט.

כח פון וואָרט,
זוניקע פלאַמען,
מיאוסקייט פון וואָרעם,
מאָלפּעש שטאַמען,
טראָג איך אין זיך,
איך — מענטש,
סוד פון דער וועלט.

שטילקייט פון גראָז,
הויכקייט פון שטערן,
וועלטישן דויער,
שטויב פון ניט ווערן
טראָג איך אין זיך,
איך — מענטש,
סוד פון דער וועלט.

אנהויב פון סוף

די בערגלעך ערד איבער אייך,
טאַטע מאַמע מיינע ליבע,
רעדן צו מיר מיט ניי לעבן.
גרינט דער בוים,
סודעט זיך דאָס גראָז,
בליט די רויז.
און עס רעדט די שטילקייט
מיט אָנהויב פון סוף.

איך פאַל צו צו דער ערד,
איך — אַ צייטווייליקער משכון,
און איך רעד צו אייך,
טאַטע מאַמע מיינע ליבע,
דורך דעם בוים,
דורך דעם גראָז,
דורך דער בלום
און דורך דער שטילקייט.

מיר זענען איינס;
איך, איר,
דער בוים,
דאָס גראָז,
די רויז און די שטילקייט.
איך אַף דער ערד
בלויז —
אַ צייטווייליקער משכון.

געביין פון מיינע עלטער־זיידעס

דאָס נייע מעבל אין מיין וואוינונג
האָט אַ שלאָג געטאָן אַף מיר מיט בלאָנדקייט,
מיט זוניקע פּרימאַרגנס,
מיט הונדערטיאָריק וואַלדיק לעבן.

איך גלעט דעם טיש, דעם פּשוטן און גלאַטן,
מיר דוכט ער רעדט צו מיר:
„אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר —
פאַרוואַנדשאַפט,
פון דיינע עלטער־עלטער־זיידעס.

נאָך דאָן,
ווען כ'האָב געלעבט מיין וואַלדיק לעבן,
האָב איך דורך מיינע וואָרצלען
אַריינגעזויגן דאָס געביין
פון דיינע עלטער־עלטער־זיידעס.
אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר".

איך שטיי פאַרשטומט,
מיט וואונדער אין מיין האַרצן,
און גלעט מיט ליבשאַפט
דעם גלאַטן, בלאָנדן טיש.

די זון אין שטילקייט קניט

אין אָנדענק פון מיין ליבן פריינט,
דר׳ י. ב. גודמאן.

פאַר פאַרוואָגלטע, פון נויט געפּלאָגטע,
האָט ער געטראָגן פולע לאָגלען פרייד,
קראַנקע האָבן ווי שטערן אויפגעלויכטן
פון זיינע שטילע רייד.

ס׳האָט אומעטום די צייט געפּאַכט
אַף וועלט מיט שוואַרצע ריטער,
האָט ער געהיילט מיט שטילע רייד,
געהיילט די שרעק און ציטער.

געווען זיין שוועל אַ שטראַל
פאַר די — אין צער, אין לייד,
פאַר וועמען ס׳איז אַ לאַסט געווען
דער גרויער היינט, אָן פרייד.

איז וואויל געווען צו דעם,
ווער ס׳האָט אים דערקענט,
און אין זיין ליכטיקייט
האָט אויפשטייגן געקענט.

ער איז ניטאָ, און ס׳שניידט די צייט
מיט מעסערדיקע ריטער.
ס׳האָט אונדזער פרייד פאַרשניטן אויך
דער טויט, דער שוואַרצער ריטער.

ער איז ניטאָ. שטיל איין, מיין האַרץ,
פון בלוטיקדיקן שניט.
איבער דער ערד אין בלוט
די זון אין שטילקייט קניט.

מאמע מיין

כ׳האָב זי געקאָנט — דער אַלטיטשקער פרוי
מיט האַרבסט אין די אויגן,
און זומער אין שמייכל.
איצט ליגט זי סטאַטיש
אין איר נעסט פון רו
מיט גליוער אַף אויגן און ליפּן.

ווי געשאָסענע פייגל —
מיט צאַפּלענדיקע פליגל
פּאָכען אַרום איר אירע קינדער,
און פאַרגייען אין אַ יאָמערדיק,
דין, צערטלעך ליד —

מאַמע מיין,
מאַמע מיין,
מאַמע מיין.

פלאַטערט אום אַזאַ טרויעריק,
דין, צערטלעך ליד —

מאַמע מיין,
מאַמע מיין,
מאַמע מיין.

צו קבורה

אַף אַ גרינעם פעלד, אַף אַ פלאַכן פעלד,
שטייט אַן אָפענער קבר און וואַרט אַף זיין העלד.

תמוז־זון פלעמלט, תמוז־זון גליט,
טראָגט מען גרויען אָרון מיט לאַנגזאַמע טריט.

תמוז־זון פלעמלט, תמוז־זון ברענט,
טראָגט מען גרויען אָרון מיט ציטערדיקע הענט.

אָפן איז דאָס מויל פון פרישער גרוב,
נידערט מען דעם גאַסט אין נייער שטוב.

לאַפּעטע נאָך לאַפּעטע, שטויב צו שטויב,
שוין פאַרשלונגען האָט די ערד איר פרישן רויב.

עמיצער אַ ליפּ פאַרבייסט ביז בלוט אין שטיל געוויין,
שטיל געלעבט, זאָגט עמיצער, און שטיל איז איר פאַרגיין.

שוואַרצע פליגל

דו האָסט פאַרלאָזט אונדז. ניטאָ און שוין,
און טונקל ווערט דער טאָג אין העלן זון־ליכט,
און ווערטלאָז ווערט דער זומער מיט זיין בליען,
און זויגנדיקער פּיין אין האַרצן הייבט אָן גליען.

פאַרלאָזט האָסט אונדז אין מיט פון רייפן בליען,
און ווי אַ רויב־פויגל מיט שאַרפע נעגל —
פלאַטערט טרויער אַרום מיר מיט שוואַרצע פליגל
און גראַבלט אויס מיין לעצטע ביסל פרייד.

פאַרלאָזט. זיך אָפּגעטיילט אויף אייביק.
און יעדעס וואָרט ז׳פאַר מיר אַצינד באַטייטלאָז און שטויביק,
און ווי אַ חיה פאַרוואונדעט אין דער נאַכט אַליין,
פאַרשטיק איך זיך מיט וועלטישן געוויין,
מיט מענטשלעכן און הילפלאָזן געוויין.

מיין טאַטנס בלוט אין מיר

מיין טאַטנס בלוט אין מיר
מאָנט יושר פון דער וועלט,
דער וועלט גזלנישער.
מיין מאַמעס האַרץ אין מיר
צעגייט פון מיטגעפיל
צו אַלץ וואָס ליידט,
צו אַלץ וואָס לעבן וויל
און ווערט געשטערט.

און ווי די מאַמע מיינע,
שטיל, מיט דין געוויין:
„אָ, העלף אונדז, גאָט,
אין אונדזער שווער געמיט,
געגנוג האָבן די שונאים
געזשליאָקעט אונדזער בלוט”
פאַרשטיק איך זיך
מיט אייגענעם געוויין.

מיין טאַטנס בלוט אין מיר
מאָנט יושר פון דער וועלט;
בעט איך צו אַלץ
וואָס אייביק איז:
„אָ, שווענק אַראָפּ
פון אונדזער ערד דאָס מיסט,
און אויפגיין אַף דער ערד
אין ריינקייט זאָל דער מענטש”!

צום בוים

בוים וואָס בײַ מײַן פענצטער, גרינער חבר מײַנער,
ווי אַ גוטע מאַמע וואַכסטו איבער מיר;
ברייט צעלאָזט די צווייַגן, מיט אַ גרינעם פּליסטער
ווי אַ שטיל געבעט וואָלט זיך טראָגן איבער מיר.

שלאָפט זיך מיר ניט אָפט דאָ אויף מײַן גוט געלעגער,
כ׳קוק דורך דײַנע צווייַגן אין דער נאַכט אַרײַן;
איך הער דײַן שטילן פּליסטער, גרינער חבר מײַנער,
און דײַן שטילע תּפילה איך פאַרנעם מיט פּײַן.

איך און דו, מיר זענען ענג פאַרברידערט,
צוגעוואָרצלט צו דער אייביק־בליענדיקער ערד;
האָסטו, בוים, אַזוי פיל פרילינגען אין לעבן,
מיר, דעם מענטשן, איז איין פרילינג בלויז באַשערט.

מיר ביידע — ערד און שטויב פון ערד געקומען,
און ווען מיר וועלן פאַלן מיד פון לעבנס שלאַכט,
צוריק צו ערד — זיך ברענגען פאַר אַ זאָמען,
איז אונדז — דער קורצער וועג פון בליען בלויז באַשערט.

עלנט מיינער

מיין גלויבן אין דיר — אַ צעריסענע פּאָן —
פלאַטערלאָז פּאַלט צו מיינע פיס.
עלנט אין מיר — אַ האַרבסטיקער ווינט
רייסט פון מיין גלויבן ריס נאָך ריס.

עלנט צערטלט מיין קלעמענדיק האַרץ,
שווייגן קנוילט צווישן די ציין,
מיינע ליפּן — פאַרזיגלטער צער,
פיבערט אין מיר אַ דין געוויין.

פרעמדקייט צווישן מיר און דיר,
פרעמדקייט בויט אַ אייזיקע וואַנט,
פון וועמען דערוואַרטן אַ ליכטיק וואָרט
און בײַ וועמען זוכן אַ פריינטלעכע האַנט?

אַז מיין גלויבן אין דיר — אַ צעריסענע פּאָן,
וואָס פלאַטערלאָז ליגט בײַ מיינע פיס,
אָ, עלנט מיינער, וויין ניט אין מיר,
און רייס ניט מיין גלויבן — ריס נאָך ריס.

א וואונדערבארע שעה

אָפּט נידערט אַראָפּ צו מיר אַ וואונדערבאַרע שעה
ווי אַ גוטע מאַמע וואָלט מיר ברענגען רו,
ווי אַ ווייסע טויב וואָלט וואָרקען מיר אין אויער —
„וואַרף אַוועק דיין אומעט, וואַרף אַוועק דיין טרויער".

מאַך איך צו די אויגן תפילהדיק און שטיל,
איבער מיר אַזאַ מין צאַרט און ליב געפיל,
מורמלען מיינע ליפּן: רו, רו, רו,
כ'דאַנק דיר, ליבער, פאַר דער וואונדערבאַרער שעה.

צער פון יאָ און ניין

האָב פאַרנומען די אייביקע שיין
פון געבערן, פון שאַפן דאָס מיען;
דעם צער פון יאָ און פון ניין,
פון אויפבליען און פון פאַרבליען.

בין דערגאַנגען צו ראַנדן פון אויפלייז,
האָב דערפילט עמבריאָניש דעם טויט,
נאָר דער שטורעם און וואונדער פון אויפברויז,
האָט מיין לעבן מיר ווידער פאַטרויט.

בין דערגאַנגען צום שוועל פון פאַרניכטונג,
האָב דערפילט אין זיך אָנהייב פון אויס,
נאָר דער כח און וואונדער פון דיכטונג
האָט געצייכנט מיין וועג אַף פאָראויס.

ניט שטראָפן, ניט מאָנען, נאָר פרעגן,
מיט תפלות צום לעבן אַליין,
אַף נייע זיגזאַגישע וועגן
שטייגט אויף מיט געזאַנג מיין געוויין.

ב ר ו ג ז

ברויגזדיקע דינקייט צווישן מיר און דיר, אַ גלויב,
ווי אַ שוואַרצע כמאַרע וואָלט פאַרטונקלט אונדזער שויב,
אַ שאָד, עס זענען רייד איצט — אָן איבעריקע לאַסט,
בלייבט הענגען ציטערנדיקע שטומקייט ווי אַ פרעמדער גאַסט.

איז גוט אַזוי אין שטומקייט צו זיצן זאַלבעצווייט,
און שטיל דערפילן ווי אַ וואַרעם ווינטל ווייעט
פון יעדן בליק וואָס דו גנביש שיקסט מיר צו,
און ליבער ווערט דיין קוש אין אַזאַ ברוגזדיקער שעה.

בריוו צו א חברטע

א.

מיין חברטע, מיין ליבע און מיין ווייטע,
מיין חברטע פון ווייטע קינדער־יאָרן —
קינדער־יאָרן טרויערדיקע, פאַרשנייטע
האָבן זיך אויפגעוויקלט היינט אין מיין זכרון.

צווישן פינף בין איך געווען די איינגסטע,
אַ קינד אַן אומעטיקס, אַ בלייכס און אַ פאַרטראַכטס;
צווישן פינף בין איך געווען דאָס שטומסטע,
מיט צער אין אויג — אַ רעגנדיקע נאַכט.

פון קינדוויז אַן געזאַפט איך זיך דעם טרויער,
דעם טרויער פון מיין שטעטל — אָרים, קליין;
פון קינדוויז אַן גערעדט מיט טיף באַדויער,
פאַרנומען שטיל דעם צער פון וועלטס געוויין.

מיר האָבן זיך צעשיידט אַף לאַנגע יאָרן,
האָב נישט געהערט פון דיר די גאַנצע צייט,
און איצט, ווען דו ווילסט וויסן וואָס פון מיר ז׳געוואָרן
וועל איך דיר שרייבן כאָטש פון ווייט.

גרוי איז דאָ מיין ברויט־און־פּוטער־לעבן —
ווי אַ רעגנדיקער האַרבסטיקער פרימאָרגן,
ווי אַ טשאַטע שוואַרצע הונגעריקע קראָען —
אַזוי פּאַדיען אַרום מיר די זאָרגן.

איך בין אַ קעלנערין באַ „פּרעמדע״ טישן;
ס'איז זומערדיק און שיין און אַלעס בליט —
טאָ ווי־זשע קאָן איך איינזאַפּן דעם זומער,
אַז שווערע מי אַף מיינע פינגער גליט.

צו דיר, מיין חברטע, צו דיר, מיין ווייטע —
דערציילן וויל איך איצט מיין טיפן ווי:
עס קומט אַהער דער זאַטער דור פאַרווײלן,
אָט וועל איך דיך באַקענען דאָ מיט זיי.

זיי קומען אַהער בייכיקע, מיט גרויסע אויטאָמאָבילן,
מען דרייט דעם בייכיקן ציגאַר פון צאָן אַף צאָן,
מען רעדט פון פּאָליטיק, געשעפט און פערד־געווינער,
און קאָרטן־שפּיל פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

באַם מאָלצייט קוויקט מען זיך מיט שמאָלציקע מאכלים,
מען קרעכצט פון צופיל עסן און מען גענעצט פול;
די פרויען חנדלען זיך, באַווייזן זייער צירונג,
מען מעלה־גרהט גאַם מיט פולן מויל.

די ראַדיאָ פאַרשרייט די אָוונטיקע שטילקייט —
און ווידער קאָרטן־שפּיל — ווערזאַנדעס פול געפּאַקט;
די יונגוואַרג דזשעזעוועט אין אָרטיקער קאַסינאָ,
אָרקעסטער ריטשעט, וויינט און פייקלט צו צום טאַקט.

אין נעכט לבנהקע, אין פולן זומער־בלי,
פאַרכראָפּען זיי גאָטס שענקייטן אַף ווייכן בעט;
און איך מיט מי אַף הענט, אַף ערד פולברוסטיקער
אָטעם איין דעם זומער־בלי ביז שפּעט.

איך טראַכט פון דיר, איך טראַכט פון זיי, איך טראַכט פון יענע,
באַ וועמען הונגער פּאַראַדירט אין הויז;
טאָ ווי־זשע קאָן מען רואיק זיין און פרייען זיך,
ווען עס גריזשעט דיך פּאַרדרוס — אַ שוואַרצע מויז.

איך טראַכט פון עלעקטרישן שטול און פון דער תליה,
וואָס בענקען נאָכן גוף פון קעמפער און דערלייזער;
טאָ ווי־זשע קאָן מען רואיק זיין און פרייען זיך,
ווען דו לעבסט אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ בייזער.

און איך וואָס טראָג פאַר זיי די פולע טאַצן,
פאַרנעם דעם צער פון דעם באַליידיקטנס געוויין;
און איך, אַ קעלנערין וואָס רייניק אָפּ די טישן,
טראַכט: דאָס לעבן קען שוין מער אַזוי נישט גיין!

אַז ערגעץ קנוילן זיך די הענט פון מי און פויסטן,
אַז זאַטער דור איז טויב צו מענטשלעך צער און וויי,
אַז אויגן פלאַמען ערגעץ ווילד מיט וועלפיש צאָרן —
פאַרגיב מיין אויפגעפלאַמטן און פאַרצווייפלטן געשריי!

ב.

מיין חברטע, מיין ליבע און מיין ווייטע,
שוין לאַנג געוואָלט דיר שיקן אַט דעם בריוו.
עס לויפן טעג אַזעלכע פאַרשייטע
און אַנגעשוואָלן ווערט דער וועלטס אַרכיוו.

עס פאַלן קעפּ, און מענטשלעך בלוט, ווי רעגן,
זאַפּט איין אין זיך די גאַרע מאַמע ערד;
און רויטער טוי רינט אויף אַלע אירע וועגן,
פאַרנומען שטאַרק איז איצט די וועלט, שאַרפנדיק איר שווערד.

אַט זעסטו מיך, אַ קערנדל, פאַרטראָגן פון דיין שטעטל,
געפאַלן דאָ אַף טרוקענעם ניט אויפגעפּאַסטן באָדן;
גליט אויף אַמאָל אַ בענקשאַפט נאָך מיין קינדערשן בעטל,
כאַטש יענע צייט מיינע, מיט טרויער פול איז אָנגעלאָדן.

אויך דאָ, אַף פלאַכן גרונט, האָט זון מיך ווייניק וואָס געוואַרימט,
אַליין געצויגן זיך אין תפילה צו דער זון,
אויך דאָ האָבן ווינטן שטעכיקע איבער מיר געליאַרעמט,
און אָרימקייט פאַרנומען האָט אין הויז דעם אויבנאָן.

אַזוי פיל יאָרן דאָ און נאָך ניט היימיש,
עס בענקט זיך אָפט נאָך יענעם פרייען סטעפּ,
און אַט דערזע איך זיך, אַ יונגע שיקסל
מיטדאָרפישע צוויי בלאָנדע צעפּ.

אַהינטער באַרג ווי אַ פילקע פאַרקייקלען זיך די יאָרן,
אַ ווידערקול בלויז הענגט אַף אונדזער וועג,
ניט אין זיידנס האָט מיין מאַמע מיך געבוירן,
דורך שטורם-ווינטן האָט מיין שיף געשניטן צו אַ ברעג.

די ערשטע צייט געווען נאָך פרעמד און יונג,
פֿאַרבראַכט די טעג די ליכטיקע אין שאַפּ,
אין קלעמעניש געזעסן מיט אַ שטומער צונג,
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס וואָרט „שאַראַפּ״.

און ניט געקענט פֿאַרשטיין האָב איך דאָס יאָגעניש,
דאָס לויפעניש און כאַפּעניש אַף גיך,
און ניט געקענט פֿאַרשטיין האָב איך דאָס פּלאָגעניש
וואָס יעדער איינער האָט אין זין נאָר זיך.

געאַרבעט און זיך אויסגעלערנט נייען היטלען,
מאַשינעס רעדלען יונגע טעג אַריין,
און בענקשאַפֿטן מיך הילן איין ווי ווייסע קיטלען
און יונגע טרוימען שוימען אויף ווי ווייַן.

אין יענע אָוונטן באַזוכט האָט מען אַ שולע,
מ׳האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויסלערנען די היגע שפּראַך,
דערמאָנט האָט מען קאָלאָמבוסן מיט אַ קללה,
ווען מ׳האָט געמיט זיך באַם אויסלייג פֿון דער שפּראַך.

כ׳האָב ליב געהאַט אַזוי צו לערנען זיך
אין ווינטער־נעכט באַם גליענדיקן אויוון,
און שטילערהייט איבערן בוך פֿאַרבענקען זיך
נאָך אַ פּאָר ייִנגעלש־בלויע אויגן.

ס׳האָט ליבע מיך פֿאַרכאַפּט אַף אירע פֿליגלען,
געשוועבט אין חלום פֿון אַ ראַזאָוון מיראַזש,
ביז אַנטוישונג האָט צעעפֿנט אירע ריגלען,
פֿאַרלאָזן האָט מיך האָפֿענונג און קוראַזש.

פאַרריגלט מיינע לײדן אַף זיבן ריגלען,
געוואַרימט זיך באַ לויכטנדיקע שויבן —
אַ ווײסער פויגל מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען,
אַן אומעטיקע טויב צווישן טויבן.

איז שווער געווען צו לעבן אַן אַ גלויבן,
האָט אײנהאַלטלאָז געצויגן זיך מײן לעבן,
ביז ער, אַ מענטש אַזאַ, האָט מיך דערהויבן —
געשפּײזט מיט מוט און נײעם גלויבן.

דערווײל, מײן חברטע, מײן ליבע און מײן ווײטע,
דערווײל נאָך דאַרף איך מײנע קלײנע קעפּלעך צוואָגן,
כאָטש עס לויפן טעג אַזעלכע פאַרשײטע
און ווינטן שטעכעדיקע אַף אונדז יאָגן.

דערווײל נאָך, טײערע, פאַרכלינעט זיך די וועלט
מיט בלוט פאַרגאָסענעם פון קעמפנדיקע זין,
דערווײל נאָך בושעוועט אַ שטעכנדיקע קעלט
און סם־געוועב וועבט אַלץ די היטלער שפּין.

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד

קיל רינט דיין גאלד

בלייך און ליכטיק —
דיין פּנים, אָקטאָבער.
קיל רינט דיין גאָלד
איבער שטאָטישן אַספאַלט.
דיינע טעג רויכערן
אַף בערגלעך ברענענדיקע בלעטער.
אין ווייסן רויך ווייגט —
דאָס לעצטע זומער־בלוט.

גרויסשטאָטיש לעבן יאָגט
מיט פולן טעמפּאָ —
ניטאָ קיין צייט
צו שענקען דיר אַ בליק.
נאָר ס׳רינט דיין גאָלד,
אָקטאָבער, אַף טיר און פענצטער,
און בעט: באַהאַלט מיך, מענטש,
אַף גרויע ווינטער־טעג.

אויפגעלויכטענע ערד

פייערדיקע זעגן שפּאַלטן דעם הימל,
ווילדע אינדיאַנער פּייקלען איבער מיין דאַך,
רעגן בולבעט זיך און בלעזלט זיך אין לוזשן,
ווי אַ געני אויף דער פּיאַנע — קאַנטאַטעס פון באַך.

רגעדיק אויפגעלויכטענע ערד,
ביימער אין יללה אונטער בליציקן שווערד,
בלומען אין פּאַרטויבטקייט פאַרוואַרפן די קעפּ,
ווינט רייסט מיידל־גראָזן באַ די טונקעלע צעפּ.

כליפּ, כליופּ, כליפּ, כליופּ,
וואַלקנס־פייערלעשער לעשן די ערד,
נאַכט האָט אַרויסגעיאָגט איבער דער ערד —
אַ טאַבון צעפּאַלאַשעטע פערד.

טרויער אין לבנה־ליכט

יונגע, שלאַנקע קוקורוזן
אין גרין־בלעטערדיקן פלאַטער,
ווי מיידלעך יונגע
מיט פלאַטערנדיקע סטענגעס,
באָדן זיך אין לבנה־ליכט אין זאַטער.

אַ סאָסנע אין לבנה־ליכט אַן איינזאַמע,
אַ „וויגוואַם"ביידל פון אַן אינדיאַנער,
ניט ווייט אַ קורצער בוים,
מיט אַ פאַרצווייגטן קאָפּ,
דערמאָנט די ברייטע הוט פון אַ מעקסיקאַנער.

צעשפּרייט אַף ערד: צעצווייגטע אָדערן מיט געלן בליט,
פון אוגערקעס, פון קאַוועס און אַרבוזן
סודען זיך די פּעטרעשקע, די מערלעך און רעטעכלעך
מיט קנאה צו די שלאַנקע קוקורוזן.

איר, יונגע, שלאַנקע קוקורוזן
אין ווינטיקן געפלאַטער,
איך הער געוויין פון מיינע ברידער
אין בלוטיקן געמאַטער.

איר, פלאַנצן גראָזן,ביימער
אין לבנה־ליכט פאַרטראַכטע,
ערגעץ וואָגלען מיינע ברידער
פאַרפּייניקט — אויסגעלאַכטע.

איך ווייס —
איר טרויערט אַזוי ווי איך
אין לבנה־ליכט פאַרטראַכטע.

אייביקע שפּיל

אויסגעשוועקטע, אויסגעהוילטע ליימיקע בערג —
ריזן פּאַטריאַרכן מיט ליכטיקע בערד.

גרין־בלויע אָזיערע חצופּהדיק לאַכט,
מיט שוימיקע ליפּן אין לבנהדיקער נאַכט.

אָזיערע פאַרגייט זיך אין אייגענעם לאַכן,
היטן זי פּאַטערלעך בערג פּאַטריאַרכן.

לבנה אַף וואַסער — אַ זילבערנער לייטער,
צעפּינעטע כוואַליעס — פון שניי נאָך צעשנייטער.

איך — אַ זעמדעלע צווישן זאַמד,
זע די אייביקע שפּיל נאַכאַנאַנד.

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד

איבער ערד רינט דאָס בלוט פונם זומער;
זשאַווער־רויט,
בינען־גאָלד,
ציטרין־געל,

עלעגיעס שפּילט אויף זיין האַרפע —
סעפּטעמבער,
אַ גאַסט
אויף מיין שוועל.

אין ליכטיקער בלויקייט פון טאָג,
שוואַרצע
צלמלעך
פייגל אַ טשאַטע,

לאָזן בענקשאַפט נאָך זיך אינם פלי
ווי די וואָלקנדלעך,
ווייסע,
פון וואַטע.

דאָס לעצטע גרין אויף דער ערד
וויינט
אויף דינע
חלפים פון ווינט;

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד —
ספּטעמבער,
עלעגיעס
זינגט.

בלעטער־רויש, בלעטער־פאַל, בלעטער־פלי,
זשאַווער־רויט,
בינען־גאָלד,
ציטרין־געל,

אַף זיין האַרפע, עלעגיעס שפּילט —
ספּטעמבער,
אַ גאַסט
אַף מיין שוועל.

גרוסן פון דארף

ערד פולברוסטיקע דאָ וואַרט אַף אַקערשניט,
דרעמלען ביימער זאַט מיט שוואַנגערשפּאַט,
אַפּריל־ווינט אַנטבינדט שטייפע קנאָספּן,
שמעקט מיט ווילדגראָז און מיט וואַרצלזאַפּט.

שמעקט מיט ווילדגראָז און מיט וואַרצלזאַפּט,
זון וואַרפט זשמעניעס גאָלד אַף אַלע וועגן;
אין שטילן ציטער פון געבורט פּלאַצן קנאָספּן
אַפּריל־ווינט אַ פרייליקער שמייכלט דיר אַנטקעגן.

אַפּריל־ווינט אַ פריידיקער שמייכלט דיר אַנטקעגן,
און איך, איך בלאָנדזשע אום אַף פרילינגדיקע וועגן;
מיין קינד — אַ גאָלדענער אָרעאָל לייכט צו מיר אַנטקעגן,
און איך, איך קוש דאָס גאָלד פון מיינע בליענדיקע וועגן.

ערד פולברוסטיקע דאָ ליגט צעכראַסטעט,
וואַרט אַף אַקערשניט און פולער זריעה,
חלומט פון אייגענער זאַפטיקער בליאונג
פון גאָלדענע זאַנגען און געראָטענער תבואה.

אַזוי פיל בלויע נעכט דאָ וואַרגן זיך מיט שטילקייט,
לבנה־ליכט טריפט פון קנאָספּנדיקע צווייגן,
זשאַבעס זינגען סערענאַדעס צו נאַכטיקער שטילקייט
און דינע בענקשאַפטן אין נעכט אַזוינע שטייגן.

לבנהלאזע נעכט

קומען ווינטן אין נעכט לבנהלאָזע,
קומען ווינטן אין נעכט אין טונקעלע,
בשורות פון שטורעם ברענגען זיי,
געוויין פון חורבן טראָגן זיי.

שטייען ליימענע בערג באַביימערטע —
זיידעס מיט ליכטיקע בערד,
פליען אָן ווינטן און שטורעמען,
פליקן די ליימענע ערד.

אַנטקעגן — די בייכיקע אָזיערע
צעפּלאָשעט אין ווילדן געיעג,
טעלעגראַמעס פון ווייטן — שוימיקע
קלאַפּן אין נאַכטיקן ברעג.

אַף די בערג — צעוואַלדיקטע ביימער,
שטרעקן העלדזער צום ווינטיקן פלי,
ווילן פליען פון שטאַמען אייגענע,
צום קאַיאָר, אינם ליכטיקן גלי.

הוליען ווינטן אַף בערג און אַף אָזיערע,
יאָגן כוואַליעס מיט נאַכטיק געבּרום,
שניידן די נאַכטיקע פינצטערניש,
פאַלן צו דער אָזיערע שטום.

באַווייזט זיך פרימאָרגן אַ לויטערער,
מיט אַ פייערדיק אויג איבּער וועלט.
רואיק דאַוועגען ביימער צעוואַלדיקטע,
און די גרין־בּלויע אָזיערע קוועלט.

אף זאמדיקער בעט

קייקלען זיך, קייקלען זיך גרין־בלויע כוואַליעס,
אויף ווינטיקע פליגלען נידערט די נאַכט,
כיכעט און כאָכעט די טונקעלע אָזיערע,
וואַרפט זיך, פּלעסקעט און לאַכט.

שוימיקע פינגער קנייפּן דעם ברעג,
רייסן אויס שטיקער זאַמדיקע ערד,
מיט שוימיקע ליפּן אין ווילדן גאַלאָפּ,
יאָגן זיך ווייסע וואַסער־פערד.

גליווערן פלעקן אויף זאַמדיקער בעט —
איך, אַ שטיין, און אַ הילצערנע ברעט,
קרומען זיך שאָטנס מיט נאַכטיק געוויין —
איך, אַ ברעט און אַ שטיין.

בענקשאפט

האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָכן קלאַ־קלאַ פון בושלען,
נאָכן קלאַ־קלאַ פון בושלען אַף שטרויענע דעכער,
אַף שטרויענע דעכער פון פויערשע הייזער,
נאָך עופות און קעלבלעך בא פויערשע פּליטן.

האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָכן סאָסנענעם יונגוואַלד,
נאָך שוועלבעלעך יונגע, און בלויע טיולפּאַנען,
נאָך ווערבעס באַם וואַסער, נאָך שווימענדיקע שוואַנען,
נאָך זון און נאָך ווינט אַף די היימישע לאַנען.

דאָ אין דער גרויסשטאָט איז פרילינג געקומען
מיט גאָלדענעם פּעכער אַף גאַסן און דעכער,
דאָ פאַרטויבט דעם פרילינג דער געַרויש פון די באַנען,
דאָ הערט מען דעם קלאַ־קלאַ פון פייגל־עראָפּלאַנען.

האָט זיך מיר פאַרבענקט היינט נאָך היימישן פרילינג,
נאָך היימישן פרילינג אַף דאָרפישע לאַנען,
נאָך סאָסנענעם יונגוואַלד, נאָך בלויע טיולפּאַנען,
נאָך זון און נאָך ווינט אַף די היימישע לאַנען.

איבער די אקסלען פון אקטאבער

וואַלד פאַרבליט מיט זשאַווער־רויטע בלעטער,
פעלד מיט ציטרין־געלע גאַרבן שטרוי,
גראָז פאַרבליט מיט אָפּגעברענטן גרין.

איבער די אַקסלען פון אָקטאָבער
רינט דאָס לעצטע זומער־בלוט,
בלעטער אין ציטערניש זאָגן ווידוי.

לעצטער זומערדיקער חלום
ווייגט אַראָפּ פון נאַקעטע ריטער,
ווינט זינגט אָנהויב פון ניט ווערן.

מיט דינע העלדזער צום בליציקן שווערד

אַף נאַכטיקן הימל פייער־שלאַנגען
שטעכן פייערדיקן גיפט דער ערד.

אַף נאַכטיקן פעלד אַ רייע בוימער
מיט דינע העלדזער צום בליציקן שווערד.

נאַכט האָט געכמורעט אירע שוואַרצע ברעמען
און דונערדיק צעפּייקלט זיך איבער מיין דאַך.

האָבן פייערדיקע שפּיזן געצילט און געטראָפן
דער צעפּיענעטער אָזיערע אין האַרצן גלייך.

וואָלקנס מכשפות האָבן שעפּלען וואַסער
געכליופּעט פון הימל אַף בוים און אַף דאַך.

נאַכט איז ווי דורך פינגער אויסגערונען
און געלאָזן אַפן הימל וואָלקן־קאַליקעס אַ סך.

בעטלער אַף קוליעס, האַרבאַטע מיט בערד,
צעפּאַכטע רייטער, אַף גרין־גרויע פערד.

דער ערשט געבוירענער פרימאָרגן האָט זיך געריבן די אויגן,
פון נאַכטיקער ברוסט נאָך דעם טוי געזויגן.

און אַז די זון האָט זיך באַוויזן מיט פּנים אָנגעצונדן,
זענען די לעצטע וואָלקן־רייטער פון הימל פאַרשוואונדן.

אין וועג

אויסגעוועלקטע פלאַכע פעלדער
שוועבן, שוועבן פאַר די אויגן,
פון די ווייסע נעבלען זויגן
ווינטערדיקע פלאַכע פעלדער.

פאָרן מיר אַף דעם שאָסיי,
אונדז אַנטקעגן טאַנצט אַ שניי;
פלאַטער־פליטער, בויג און ציטער,
יאָגן מיר אַף דעם שאָסיי.

ווינט און שניי אין אַ געדריי —
וואַלד נאָך פעלד, און פעלד נאָך הויז,
דרייען זיך אין אַ געיעג —
פויער־הייזלעך אָפּן וועג,
ווינט און שניי אין אַ געדריי
הו־הו־הו, ווי — ווי,
ווינט און שניי אין אַ זאַווי.

שׁעה נאָך שעה אין אַ געיעג,
יאָגן מיר זיך אָפּן וועג.
פאָרן קרום און פאָרן גלייך,
דאָ אַ בריק, און דאָ אַ טייך,
אַ בית־עולם, באַרג און טאָל,
גרינט אַ פעלד גאָר מיט אַמאָל,
ווינטער־תּבֿואה גייט שוין אויף
און אַף בערגלעך דאָרטן — שאָף.

יאָגן מיר זיך מייל נאָך מייל,
גוט איז מיר דאָ איצט דערווייל,
עמיצן געלאָזן טראַכטן,
עמיצן געהייסן וואַרטן,
האָב איך ליב צו זיין אין וועג,
אין די ווינטערדיקע טעג.

ש נ י י

ווינטער־כמאַרעס — ברודיק־גרויע טויערן,
אויפגעפּראַלט אין פעברואַר זאַווי,
האָבן אַרויסגעכוואַליעט מחנות ווייסע בינען
אין ווינטיקן און זוניקן געדריי.

גרויסשטאָט יומטובט היינט אין שנייאיקן פּאַרבלי,
טאַנצן ווייסע שניי־בינען אין זייער לעצטן פלי.

ווי פאַרבליטע פוטערבלומען צעבלאָזענע פון ווינטן,
פלאַטערדיקע שנייעלעך ווי ווייסע היאַצינטן.

נידערן און קושן דורשטיק ווינטערדיקע ערד
און פאַרחלשן ביז טויט אַף זילבער פאַדקאָוועס פון פערד.

צוויי נאָנעס

אַן אַלטער גרויער קלויסטער.
אַף שטיינערנע, גרויע טרעפּ,
צוויי נאָנעס, צוויי שוואַרצע פייגל
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

אַ בראָנזענע קייט פון דער טאַליע,
צוויי נאָנעס אַף קלויסטערשע טרעפּ,
און יעזוס אַף בראָנזענעם צלם
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

דער פּנים באַ ביידע נאָנעס —
טויט ווי ווייסער קרייד.
ליפּן — פאַרטריקנטע וויינשל,
אויגן — בלויער זייד.

סוף זומערדיק גאָלד אַף קלויסטער,
סוף זומערדיק גאָלד אַף טרעפּ,
נאָר יעזוס און נאַכט זיך הילן
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ.

צוויי נאָנעס — צוויי דורשטיקע לאמען
אין פלאַטער פון שוואַרצן קרעפּ,
נאָר יעזוס — אַ שטומער פאַסטוך
היט זיי אַף קלויסטערשע טרעפּ.

סוף זומער

א.

סוף זומער. האָניק פאַרב אַףביימער, גראָזן,
אין ווינטיקן געפלאַטער, שלאַנקע קוקורוזן,
אין גרין־גרויען געבלעטער — בייכעדיקע קרויטן
אַף יונגע פּאמידאָרן רויטלען זיך די הויטן.

סוף זומער שפּע שפּאַרט פון אַלע קוישן,
אין ווינטיקן געפלי די דאַרע בלעטער רוישן,
אין גאָלד־געשפּאַן — צווייי ווייסע וואָלקנס רייטן,
ס׳דוכט, ס׳ווערן נעענטער די בלויע וויטן.

ב.

אין עפּל־פאַל, אין בלעטער־פאַל, אין לעצטע זומער־טעג
פיל איך אָן מיינע לאָגלען מיט גאָלד אַף מיין וועג;
שעפּ איך אָן מיינע עמער מיט העל־בלויען ליכט
און מיט בענקעניש שטומער צו דער זון — מיין געזיכט.

בלענדט דער דאָרפישער וועג ווי אַ גאָלדענע זעג,
שאַר איך אָן פולע קוישן מיט גאָלד אַף מיין וועג;
און מיט תפילות אַף ליפּן צו דער ערד פאַל איך צו,
ביז דער טיפקייט פון נאַכט, ביז דער זילבערנער רו.

אין לעצטן בלי

נאָך גרינט גראָז אַף אַלע לאנען,
כאָטש בלעטערפאַל איז שוין אין פולן פלי,
מיר ווערט טייערער די גרינקייט פון די לאנען —
אַ לעצט געשאַנק פון זומער־בלי.

סעפטעמבער־טעג ווי גאָלדענע פאַזאַנען
שפרייטן זייער גאָלד אַף גרינע לאנען.
כ׳האָב ליב אין אַזאַ טאָג אין בלעטערפאַל צו שפאַנען
און קיינער זאָל עס פרעגן מיך וואוהין? פון וואַנען?

אין אַזאַ טאָג פון לעצטן בלי,
שטייגט אויף אין מיר אַ דין געוויין,
אַז ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי
וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין.

בּרעקלעד זון

מיין ליכטיקע

ווער האָט מיין מײדעלע, מיין ליכטיקע,
אַוועקגעלייגט אין בעט;
אַף בליענדיקע זומער־טעג,
אַף ליכטיק זומערדיקע נעכט?

פרימאָרגן בלוי, מיט פרישער פרייד
שליסט מײדעלען די אויגן אויף,
ברעקלעך זון אַף ווייסן בעט
שטיקלעך גאָלד אין אירע צעפּ.

באַם פענצטער אַף אַ קאַרשן־צווייג
אַ פייגעלע זינגט „געזו־געזו"
און בינעלע גאָלד, גלייך אין שויב:
זו־זו־זו, געזונט וועסט זיין.

קומט אָוונט צאַרט, שפּרייט בלויען זייד,
לבנה פלאָנטערט אירע האָר,
שושקעט אַפן אויער איר —
געזו, געזו, געזונט וועסט זיין.

איבער איר בעט די מאַמע וואַכט
און ציילט די שטערן יעדע נאַכט,
און יעדן טאָג — אַ נייע זון.
מאַמע שטיל, און מאַמע צאַרט
רוימט מײדעלען אין אויער איין;
געזו, געזו, מיין ברעקל גאָלד,
געזונט וועט מיין ליכטיקע זיין!

פ י צ ל

פיצל, פיצל, פיצעניושקעלע,
קלייניגק מיידעלע פּאַמפּושקעלע,
אויגן — שטיקלעך הימל, בלוי,
שטייט אַליין שוין, אָט אַזוי.
שטייט אַליין און טוט אַ שפּאַן
און אין דיל אַ טאַראַבאַן!

אָבער ניט מיט אַ געוויין.
פיצל הייבט זיך אויף אַליין,
הייבט זיך אויף און ציט זיך אויס,
שטעלט אַ פיסעלע פאַראויס.
איינס און צוויי און דריי און פיר,
פיצל איז שוין בײַ דער טיר.

קומט דער שטילער אָוונט אָן,
מאַמע צינדט די לאָמפּן אָן.
זשוזשע—זשוזשע, כי און כאַ,
אַ פּאַמפּושקעלע אַזאַ!
נאָר סע שטיפט און נאָר סע לאַכט,
ס'וואָלט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

מאמע און קינד

— וואָס איז דרויסן, מאַמע ?
— ווינטער איז איצט, מיין קינד.
שניי און קעלט,
פראָסט און ווינט,
אַ ווייסע וועלט, מיין קינד !

ווי גוט ס׳איז אונדז אַצינד
דאָ, אין דער וואַרעמער קיך,
צו עסן ברויט מיט האָניק,
און צו טרינקען וואַרעמע מילך.

— דערצייל זשע מיר אַ מעשהלע, מאַמע,
דערצייל אין אונדזער וואַרעמער קיך,
אָט דאָ, באַם ברויט מיט האָניק,
אָט איצט, באַם טעפּעלע מילך.

— ס׳איז געווען אין אַזאַ טאָג ווי היינט ;
אין אַזאַ ווייסן טאָג פון שניי,
פראָסט האָט געמאָלן די שויבן
און ווינט האָט געריסן זיי.

אָט אין אַזאַ טאָג אַ בייזן
האָט אַ טאַטע געזוכט זיין ברויט,
האָט אַ טאַטע געבעטן אַרבעט,
אין זיין ביטערער, שטעכיקער נויט.

אַט אין אַזאַ טאָג אין אַ בייזן,
האָבן קינדער געוואַרט אַף ברויט,
מיט הונגער אין די אויגן —
געוואַרט אַף אַ שטיקעלע ברויט.

געוואַרט האָבן קינדער אַף טאַטן,
געוואַרט האָבן קינדער אַף ברויט,
ביז מ׳האָט טאַטן געפונען —
אין שניי, דערפרוירן אַף טויט . . .

— אַ, עפן די טיר אויף, מאַמע,
אַ, עפן אויף, מאַמע, אַף גיך,
נעם אַריין די פאַרהונגערטע קינדער
צו אונדז אין דער וואַרעמער קיך!

לאָז אַריין די פאַריתומטע קינדער
צו אונדז אין דער וואַרעמער קיך,
גיב זיי עסן ברויט מיט האָניק
און גיב זיי וואַרעמע מילך!

* * *

ס׳האָט מיט הייליקן דאַנק אין האַרצן
די מאַמע געקושט איר קינד . . .
אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געשטורעמט,
אַף זיין פייפל געפייפט האָט דער ווינט.

אין גאַרטן

פליגלפלאַטער, בלעטער־רויש,
פייגל־צוויטשעריי,
אינם קליינעם, גרינעם גאַרטן
שטיפן קינדער דריי;

מאַטל „פוז״ און חנהלע
און לאהלע באַם זייט,
קינדער ווי די וועווערקעס
שפרינגען אום פאַרשייט.

לאהלע די שטיפּערקע
קייקלט זיך אין גראָז,
מאַטל „פוז״ האָט אויסגעשמירט
חנהלען די נאָז.

חנהלע צעבייזערט זיך:
„מאַטעלע, דו „פוז״!
פאַרוואָס האָסטו אויסגעשמירט,
שוואַרץ געמאַכט מיין נאָז?״

לאהלע די שטיפערקע
קוקט און לאַכט און לאַכט —
ביז עס האָבן אַלע דריי זיך
מיטאַמאָל פאַרטראַכט.

אַף אַ גרינעם צווייגעלע
ערשט אַרויס פון נעסט,
יונגע קינדער — פייגעלעך
זוכן פאַר זיך קעסט.

מאָטעלע און חנהלע,
לאהלע באַם זייט,
קוקן ווי די פייגעלעך
פליען ערגעץ ווייט.

וו י ג ו ט

וי גוט איז אין וואַרעמען בעטעלע ליגן,
פון ליבינקער מאַמען זיך לאָזן פאַרוויגן,
ווען רעגנדל האַרבסטיקער פּיקט אין די שויבן —
זינגט מאַמע אַ ליד פון צוויי ווייסע טויבן.

אַ, ווינטעלע האַרבסטיקער, וויין ניט אַצינד,
וועק ניט און שטער ניט דעם שלאָף פון מיין קינד,
מיין קינדעלע שלאָפט שוין — מיין ליכטיקע טויב,
אַ, רעגנדל האַרבסטיקער, פּיק ניט אין שויב.

אוונט־מאל

אַך, איר טעפּעלעך, מיינע קליינינקע
אַף בלויע פּלעמעלעך — בול, בול, בול,
פֿאַר די קינדערלעך מיינע שיינינקע
נעם איך גרייטן דעם אָוונט־מאָל.

שפּינאַט, מערן און אַ קאַשקעלע
מאַנע גרייפּעלעך — ניאַם, ניאַם, ניאַם,
מילך וואַרעמע פון אַ וואַזקעלע
כליעפּטשען קינדערלעך — כליאַם, כליאַם, כליאַם.

שפּינאַט, שפּינאַט, שרייט מיין מיידעלע,
אַזוי ווי „פּאַפּאַי", כ'וועל ווערן גרויס,
און פון קאַשקעלע און פון מערן
פלינקער נאָך פון „מיקי מויז".

אַט, שוין אויפגעקאָכט דאָס טעפּעלע,
עסן קינדער מיט פולן מויל,
און פאַרבייסן מיט אַן עפּעלע
אַזש עס וואַסערט זיך דאָס מויל.

דרימל, קינד מיינס

דרימל, קינד מיינס, דרימל,
נאַכט מיט אירע פֿליגלען
שפּרייט אַ בלויען חלום.

שניי־פּרינצעסן וואַרפֿט איצט
קרענץ מיט ווייסע בלימלעך.
דרימל, קינד מיינס, דרימל.

וועט פֿרימאָרגן קומען
מיט אַ פֿרייד אַ ווייסער,
וועלן קינדער לויפֿן
צו דער זון אַנטקעגן,
און מע וועט זיך שליטלען
אַף די ווייסע וועגן.
דרימל, קינד מיינס, דרימל.

א מעשה מיט א ווינט, א ווינטעכע, א ווינטעלע און א קליין הינטעלע

ווינט, ווינטעכע און ווינטעלע
האָבן זיך באַקענט מיט אַ קליין הינטעלע, —
האָבן זיי געוואוינט אין אַ שטיינערנער הייל,
הערט זשע, קינדער, וואָס איך דערצייל.
צווישן אַ הויכן באַרג, און צווישן אַ גרינעם טאָל,
האָט די מעשה געטראָפן אַמאָל, אַמאָל. —

האָט ווינט געשטורעמט — וואו־הו־הו,
זוינטעכע — וואַ־האַ־האַ
און ווינטעלע ווי־הי־הי.

אַ פּנים האָט געהאַט ווינט —
שוואַרץ ווי טינט.
הויך און דין איז ער געווען,
העכער פונעם העכסטן בוים
און גרעבער פון אַ פאַדים קוים.
געטראָגן האָט ער אַ ווינטיקע קאַפּאָטע,
מיט לאַנגע, שמאָלע פּאָלעס
אַ שוואַרצע ווי די בלאָטע.

ווינטעכץ-קײַלעכדיק ווי אַ גרויסע פּאַס,
האָט ליב געהאַט פון איטלעכן צו מאַכן שפּאַס,
האָט פאַרמאָגט אַ מויל אַזוי ברייט ווי אַ טויער
און אַ גרויסע בראָדעווקע אַף איר לינקן אויער.
גראָב די באַקן, און קײַלעכדיק די נאָז
האָט איר פּנים אויסגעזען אַזוי ווי אַן אַרבוז.
געטראָגן האָט זי אַ קלייד מיט פאַלדן אַ סך
האָט זיך עס געכוואַליעט אַזוי ווי אַ טײַך.

און ווינטעלע אַ פּיצל,
מיט פיסלעך ווי אַ שפּין,
קאַסאָקע די אויגעלעך
אַהער און אַהין,
גרויס איז דאָס קעפּל
און פלאַטשיק דאָס נעזל,
אַ העלדזל אַ דינינקס
און גרין ווי אַ גרעזל.

איינמאָל האָט צו זיי אין הייל —
הערט זשע, קינדער, וואָס איך דערצייל —
פאַרבלאָנדזשעט אַ קליין הינטעלע.
ווײַס-צײַנדעלע, שוואַרץ-פּינטעלע,
אַזוי האָט געהייסן ס׳הינטעלע.
אַ גוטן אָוונט דיר, ווינטעלע,
לאָז אַריין, כ׳בין הונגעריק,
איך בין ווײַס-צײַנדעלע, שוואַרץ-פּינטעלע,
אַזוי האָט געזאָגט דאָס הינטעלע.

איז אַרויסגעלאָפן די ווינטעכע:
וואַ־האַ־האַ, וואַ־האַ־האַ,
וואו איז דיין מאַמע, די הינטעכע?
האָט זי געפרעגט דאָס הינטעלע,
וואָס איז געשטאַנען לעבן ווינטעלע.
„גיט מיר אַ ביינדעלע,
וועל איך אַ קיי טאָן אַף מיין ציינדעלע,
וועל איך אייך דעמאָלט דערציילן
ווי אַזוי איך בין געקומען
צו אייך אין די היילן".

וואו־הו־הו, וואו־הו־הו,
האָט זיך צעשפּרייט דער ווינט;
קיין איין ביינדעלע איז נישטאָ
אין הייל אַצינד.
האַוו־האַוו, האַוו־האַוו־האַוו,
האָט זיך צעוויינט דאָס הינטעלע.
„עס וואַקסט אין טאָל באַ אודנז שטשאַוו",
האָט באַרואיקט דאָס ווינטעלע.
ווען מ'איז הונגעריק עסט מען אַלץ,
האָט געשריגן די ווינטעכע,
גיי אַהיים, גיי אַהיים,
צו דיין מאַמען, דער הינטעכע.

„צו מיין מאַמען דער הינטעכע
קאָן איך ניט גיין,
האַוו־האַוו, איך האָב מורא צו גיין אַליין".

„כ׳וועל דיך נעמען אַף די הענט״,
האָט געזאָגט די ווינטעכע,
„און מירן דיך ברענגען אַהיים
צו דיין מאַמען, דער הינטעכע״.
האָט ווינט אָנגעטאָן זיין לאַנגע קאַפּאָטע,
די ווינטיקע קאַפּאָטע, שוואַרץ ווי די בלאָטע.
און ווינטעכע האָט צורעכט געמאַכט
די פאַלדן אַף איר קלייד
און דאָס ווינטעלע, דאָס פּיצל,
האָט זיך צוטאַנצט פון פרייד.
וואו־הו־הו, וואו־הו־הו,
האָט געשטורעמט דער ווינט,
איבער דעכער און ביימער מיר פליען אַצינד.
וואַה־האַ־האַ, וואַה־האַ־האַ,
איבער ביימער און דעכער
אין אַזאַ פינצטערער נאַכט,
ווער פון אונדז קאָן פליען העכער?

אַף איין האַנט דאָס הינטעלע,
אַף דער צווייטער דאָס ווינטעלע,
גיכער נאָך פון ווינט, איז ווינטעכע געפלויגן.
ביז עס האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן,
ביז דאָס פּיצל הינטל איז צו דער ערד געפלויגן.
צו דער ערד געפלויגן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

קינדער אינם שול־הויף האָבן עס געפונען —
צוגעמאַכט די אויגן, ליכטיקע ווי זונען,
ווינטיכע און ווינטעלע האָבן שטיל געטרויערט,
ערגעץ האָט אומזיסט די הינטעכע געוואָיעט.

ראובן

א.

ערגעץ אין אוקראינע
איז דאָ אַ שטעטעלע אַזאַ,
ס'איז אַמאָל מיין היים געווען
מיטן נאָמען קאַ.

צוויי גאַסן, איינע אַ נייע,
צוויי שליאַכן, זאַמדיק ברייט.
אַ סאָסנע־וואַלד אַן אַלטער
מיט ווילד־געוויקס פאַרשפּרייט.

און מערסטנס איז מיט אידן
דאָס שטעטעלע פאַרפולט;
פאַראַן אַ באָד, צוויי שולן
און אַ וואַסער־מיל, וואָס מאָלט.

פון וויטנס ליגן פעלדער,
ווי קעסטלדיק געוואַנט,
מיט שייערן פול תבואה,
מיט פויערים אַף לאַנד.

און פון די נאָענטע דערפער
פאָרן זיך צונויף
פויערים אַף וועגענער —
אין מאַרק צום אויספאַרקויף.

ווער מיט ציבעלעס, קאַרטאָפל,
ווער מיט עופות און מיט קרויט;
און כאָטש דער מאַרק איז יום־טובדיק,
דאָך אין שטעטל פייפט די נויט.

און אַף איינער פון די גאַסן,
וואָס פירט צום ברייטן טייך,
מיט אַ גרויס געפעס־פאַבריק
איז דאָס שטעטל רייך.

דאָס קליינע שטעטל אַרבעט —
דאָך די אָרעמקייט איז גרויס,
בלויז בײַ דעם דירעקטאָר
איז רייך דאָס גאַנצע הויז.

איז ווינטערדיק דאָס שטעטל —
פאַרקאָוועט ליגט אין שניי,
די שטיבעלעך פאַרטאַיעט,
ווי שוואָמען אונטער שניי.

קאַיאָר, ווען עס שיילט זיך אויס
אַ פראָסטיקער דער טאָג,
צעוויינט זיך די פאַבריק
מיט אַ סירענע־קלאָג.

און עס ציט זיך דאַן אַ מחנה
ווי אַ לאַנגער שוואַרצער שטריק,
אַף דער זאַמדיק־ברייטער גאַס,
וואָס פירט צו דער פאַבריק.

דער מאָרגן יאָגט אַוועק זיי,
ווי דער פּאַסטוך זיינע שאָף,
ביז אין שפּעטן אָוונט,
ביז אין זייער שלאָף.

און ווייטער אַ סירענע־רוף,
אַ פייף פון דער פאַבריק.
עס ציט אַהיים די מחנה —
אַהיים דער שוואַרצער שטריק.

זעצט מען זיך צו וועטשערע
פאַרהאָרעוועט און מיד,
טאָג־טעגלעך איז דאָס אייגענע,
דאָס אומעטיקע ליד.

האָדעוועט מען קינדערלעך
מיט אוגערקעס און ברויט,
חברן זיך קינדערלעך
ניט זעלטן מיט טויט.

און די וואָס בלייבן לעבן —
מיט אויגן טעמפּ ווי ניס,
מיט בייכלעך ווי אַרבוזן
און מיט „קלינטשעוואַטע” פיס.

ב.

פון איינעם אַ קליין שטיבל,
ווי אַ שוועמל אונטער שניי,
האָט זיך דערהערט אַ בײי־געבוירן,
צאַפּלדיק געשריי.

אַ פרייד אַף טאַטע־מאַמע,
אַ פרייד אין קליינעם שטיבעלע —
דער ערשטלינג איז אַ ייִנגל
און הייסן וועט ער ראובלע

איז ראובעלע געוואַקסן
ווי אַ יונגער גרינער שטאַם;
עס האָט אין אים די אָרימקייט
צעגליט אַ העלן פלאַם.

נישטאָ קיין וואַרעם מלבוש,
נישטאָ אין הויז קיין האָלץ.
דאָך וואַקסט זיך אונדזער ראובן
אי גרויס, אי שטאַרק, אי שטאָלץ.

עס לויבט אים שטאַרק דער רבי,
עס לויבט אים אויך דער לערער —
„ס'וועט אויסוואַקסן דאָס ייִנגל
אַ גאון — און נאָך מערער!"

איז אויסגעוואַקסן ראובן
ווי אַ דעמב, מיט קודלעס האָר,
אויסגעפּוצט אין אַ רויט העמדל,
פאַרגאַרטלט מיט אַ שנור.

ניט איין מיידל פונם שטעטל
מיט איר יונגן מיידל־חן,
פלעגט אים שיקן זומער־בליקן
ווייזנדיק די ווייסע ציין.

זאָרגן אָבער טאַטע־מאַמע —
„אונדזער ראובן — עך, ניט דאָס,
גאָר אַן אַנדערער, אַ פרעמדער . . .
און אין האַרצן ברענט פאַרדראָס״.

אין זומערדיקע נעכט, אין שטילע,
אַף לבנהדיקן טייך,
האָט זיך ראובן שטיל געשיפלט
און געשיקט זיין גרוס צו אייך.

אין די ווינטער־נעכט, די לאַנגע,
זאַווערוכע ווייעט און דרייט,
פינקלען דימענטן אַף שויבן,
ווייסער פוך האָט אָנגעשנייט.

צוגערוקט דעם טיש צו הרובע
און דאָס גאַזע־לעמפל זשיפעט,
לערנט ראובן, זוכט אין ביכער,
און דער טיש העלפט מיט און סקריפעט.

ג.

אין דעם לויף פון פילע יאָרן —
נאָך אַ ברודער און פיר שוועסטער,
זענען זיי איצט מיילער אַכט,
ער, דער עלטסטער און דער גרעסטער.

ווי פון אַ זינקענדיקער שיף
אין אַ שטורעם־נאַכט דער מאַסט,
אַזוי בויגט זיך טאַטנס פלייצע,
בויגט זיך איין פון שווערער לאַסט.

„אַכט מיילער זענען מיר,
אַכט ווילן עסן,
אין אַ שוך און וואַרעם קלייד
מעגן מיר פאַרגעסן!“

„אויסגעכאַוועט אַ בענאַק“,
שטראַפט אַזוי דער טאַטע.
ענטפערט ראובן: „וואַרט נאַר, וואַרט,
כ'וועל אייך מאַכן זאַטע!“

„כ'וועל דערהייבן אייך פון נויט,
מאַכן אייך פאַר מענטשן,
וועלן שונאים שילטן מיך,
וועלן פריינט מיך בענטשן“.

ניט פאַרשטאַנען ראובנס רייד
האָבן טאַטע־מאַמע,
„ווי איז מיר, און ווינד איז מיר —
אַזוי באַשערט מסתמא“.

איז דער טאַטע פול מיט שרעק —
„צרות וועט ער ברענגען,
ס'וועט אַף אונדזער הויז־געזינט
נאָך אַן אומגליק הענגען.

„ס׳איז כדאי געווען, מיין ווייב,
ס׳ערשטע, אַ גערעטנס",
שוועבן אַרום מאַמעס אויגן
שוואַרצע רינגען־שאָטנס.

אַלע נאַכט אַוועק פון הויז,
קומט נאָך האַלבער נאַכט אַריין.
טאַטע־מאַמע שרעקן זיך —
„ס׳וואַקסט דער יונג אין קרויט אַריין".

ד.

פון גרויס נייגיר האָט דער טאַטע
איינמאָל נאָכגעפאָלגט זיין זון.
ראובן שפּאַנט מיט גרויסע טריט.
און דער טאַטע יאָגט אים אָן.

צוגעקומען איז ער, ראובן,
צו רב מענדעלע כלעפּטאָן
אין אַן איינגעהויקערט שטיבל —
וואָס האָט ראובן דאָ צו טאָן?

האָט זיך טאַטע שטיל פאַרגנבהט
בײַ דעם פענצטער, אונטער פלויט,
קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרונע
און פון בושה ווערט אַזש רויט.

זעט ער, ס׳איז געפּאַקט דער אַלקער,
פול מיט ייִנגלעך און מיט מיידלעך,
ייִנגלעך טראָגן רויטע העמדלעך,
שוואַרצע בליוזקעלעך די מיידלעך.

שטייט ער ווי אַ צוגעשמידטער —
איז דאָס אמת, צי אַ חלום,
ער זעט דאָ אַסתרקע דעם שוחטס
און דעם רבס בן־יחיד — שלום.

ראובן אין דער מיט באַם טיש,
אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף האַנט,
לייענט ער עפּעס פון אַ בוך —
אַלע הערן אים געשפּאַנט.

און איינמאָל, אין אַ נאַכט אַזאַ,
אין אַ שטערנדיקער נאַכט,
אינם וואַלד דעם אוראַלטן
אונטער סאָסנעס אַכט,

האָבן בחורים און מיידלעך,
אַף באַשטימטן אָרט,
אויסגעקליבן ראובנען
פאַר זייער פירער האַרט.

שטייט ראובן, גרויס און יונג און שטאָלץ,
מיט בליץ אין שוואַרצן אויג,
און שטייף מיט שנור פאַרגאַרטלט זיך
און גיט זיך אַ פאַרנויג —

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט
גענוג שוין געשקלאַפּט פאַרן שטיקעלע ברויט . . .

טאָ לאָמיר דערקלערן אַ סטרייק, און שוין באַלד!״ —
און אַ הילך האָט געטאָן אַ „הורא״ איבערן וואַלד.

נאָר באַלד האָט זיך אַ גרילציקער פּיף דערהערט
און עס האָבן זיך באַוויזן זשאַנדאַרן אויף פערד.

איז יוגנט זיך צעלאָפן מיט אויפגעקאָכטן בלוט
אין האַרצן זיך געשוואוירן — ניט אָנצוואַרטן דעם מוט.

אָבער ראובנען דעם רעדנער האָט פּאָליציי געפירט
אין קייטן איבערן שטעטל, האָט מען ראובנען געפירט.

פאַרשפאַרט האָט מען אין תפיסה
ראובנען דעם העלד.
ער האָט נאָך ניט באַוויזן —
צעאַקערן זיין פעלד.

אָבער געשוואוירן האָט זיך יונגט
ניט אָנצואווערן דעם מוט,
און איינמאָל אין אַן ערשטן מאַי
האָט זיך געגאָסן בלוט.

געסטרייקט האָט איצט דאָס שטעטל,
און שטיל איז די פאַבריק.
מע זעט מער ניט די מחנה
זיך ציען ווי אַ שטריק.

נאָר ווי סאָלדאַטן בראַווע
מיט רויטער פאָן אין האַנט,
מיט „נידער" אויסגעשרייען
פאַרמירט האָט מען אַ וואַנט.

מע האָט גערעדט, געשטורעמט
אַרום דירעקטאָרס הויף,
ביז פלוצלונג האָט דערהערט זיך
אַ פייף און אַ געלויף.

און באַלד האָבן „באַגאַיקעס"
צעפּאַכעט, זיך צעבּרענט,
אויף פּנימער אויף יונגע,
אויף רוקנס און אויף הענט.

ס'האָט נאָר פאַרשטאַרקט דעם ווילן
און צוגעגעבן מוט,
געקעמפט האָט מיט עקשנות
די יוגנט פאַר איר בלוט.

אויף לאַנגע, שאַרפע וואָכן
האָט זיך דער סטרייק פאַרצויגן,
ביז זיגעריש און העלדיש
געפינקלט האָבן אויגן.

„זאָל לעבן אונדזער ראובן!
זאָל לעבן אונדזער לערער!
מיר וועלן אים באַפרייען —
און אויסקעמפן נאָך מערער!"

א י נ ה אַ ל ט

אינהאלט:

זעגלען מיינע, ווייסע — 7

נאַכט פאַרציט אַ שלייף

רויטער טוי — 11
פיין פון פאַרשמיסענע ברידער — 12
רויט גליט די ערד — 13
איך און דאָס גראָז — 14
בלוטיקט זון אַף שפּיץ פון שפּיז — 15
בלינדע שנאה — 17
מיר האַרטנאַקיקע — 19
טעג אונדזערע טרויערן — 20
נאַכט פאַרציט אַ שלייף — 21
אַ וואָרט אַזאַ — 23
באַהאַלט זיך, כשופדיק פנים — 25
דאָס בייז פון דעם מענטשן איז גרויס אַף דער ערד — 26
פאַר וואָס דרעמלסטו, גאָט? — 27
דיין ווייסקייט באַרואיקט מיין בלוטיק געוויין — 28
געפאַרן — 29
ווינטן — 31
גאָט דער איינציקער זעט און לאַכט — 32
פאַפירענע נישטיקס — 33
נאַכט אַזאַ — 35

הונגער — 36
שוואַרצער אָנזאָג — 37
אמת וועט נאָך קומען — 38
שיקאַגע — 39
צו דער פרוי — 41

בליט מיין בענקשאַפט

שולדיק — 45
נאָענטקייט — 46
בליט מיין בענקשאַפט — 47
אַלע ריגלען אופגעשלאָסן — 48
איך בין דאָס פעלד — 49
בענקענדיקע שוואָמען — 50
דערוואַרטונג — 51
אויפבלי — 52
געבורט — 53
אין שפיטאל — 54
קינד מיינס — 55
אלע שפרייטן זיך ווי שטויב — 56
בא מיין קינדס בעטל — 58
א שטויבעלע בין איך — 59
לבנה — מיין שלאָף האָט צעפערטלט — 60
ניט דאָ, ניט הי — 61

אויפגעפלאמטער שייטער — — — — — — — — — — — — 62
צו אַ דיקטאַטאָר — — — — — — — — — — — — — — — 63
ירושה — — — — — — — — — — — — — — — — — 64
אנהויב פון סוף — — — — — — — — — — — — — — 65
געבויין פון מיינע עלטערן — — — — — — — — — — 66
די זון אין שטילקייט קניט — — — — — — — — — — 67
מאמע מיין — — — — — — — — — — — — — — — — 68
צו קבורה — — — — — — — — — — — — — — — — 69
שוואַרצע פליגל — — — — — — — — — — — — — — 70
מיין טאַטנס בלוט אין מיר — — — — — — — — — — 71
צום בוים — — — — — — — — — — — — — — — — 72
עלנט מיינער — — — — — — — — — — — — — — — 73
אַ וואונדערבאַרע שעה — — — — — — — — — — — — 74
צער פון יאָ און ניין — — — — — — — — — — — — 75
ברוגז — — — — — — — — — — — — — — — — — 76
בריוו צו אַ חברטע — — — — — — — — — — — — 77

מיט גאָלדענע טריט איבער ערד

קיל רינט דיין גאָלד — — — — — — — — — — — — 85
אויפגעלויכטענע ערד — — — — — — — — — — — — 86
טרויער אין לבנה ליכט — — — — — — — — — — — 87
אייביקע שפּיל — — — — — — — — — — — — — — 88
מיט גאלדענע טריט איבער ערד — — — — — — — — 89

גרוסן פון דאָרף — 91
לבנהלאָזע נעכט — 92
אַף זאַמדיקער בעט — 94
בענקשאַפט — 95
איבער די אַקסלען פון אָקטאָבער — 96
מיט דינע העלדזער צום בליציקן שווערד — 97
אין וועג — 98
שניי — 100
צוויי נאָנעס — 101
סוף זומער — 102
אין לעצטן בלי — 104

ברעקלעך זון

מיין ליכטיקע — 107
פיצל — 108
מאַמע און קינד — 109
אין גאָרטן — 111
ווי גוט — 113
אָוונט מאָל — 114
דרימל, קינד מיינס! — 115
אַ מעשה מיט אַ ווינט, אַ ווינטיכע, אַ ווינטעלע
און אַ קליין הינטעלע — 116
ראובן — 120